107

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 1 (העפט 108) צענטער יארגאנג יאנואר 1949 לאנדאן

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

צענטער יארגאנג

אינהאלט


| | | |
|---|---|---|
| גייסטיקע דיסציפלין | ** | 1 |
| די כותל מערבי | י. ביעטש | 4 |
| די נקמה פון אן אקס | עבר הדני | 9 |
| משיח'ס נסיעות און נסיונות | משה עובד | 15 |
| א מעת-לעת אין טויטן באראק | שבע גלאם | 18 |
| צום טאג פון מיין געבוירן | יצחק ווינער | 20 |
| אין מקובלים שטאט | א. טויבענהויז | 22 |
| לידער און באלאדע | א. נ. שטענצל | 27 |
| א פסוק מיט א מאמר | י. נ. ערליכמאן | 32 |
| רבי אמנון | יוסף ת. לעווי | 34 |
| חוה האזענמארב'ס בוך | י. ראפאפארט | 37 |
| א ציבור פון פורשים | דוב ווארשאווסקי | 43 |
| אמעריקאנער נאמיצן | ד"ר י. י. מייטלים | 46 |
| מאמע ערד, קינד און שטורעם | ס. פאלמע | 49 |
| אשר ביילין | לעא קעניג | 50 |
| לאנדאנער יידישע שרייבער | פאמא | 51 |
| בערלין—מאסקווע—ירושלים | אליהו פאלושאק | 53 |
| דאס ארויסציען זיך פון געטא | קאראל פענדאווסקי | 60 |
| דער משפט | מ. סאבאטשעווסקי | 61 |
| קאנצערט פון פ.פ.י.ל. | דארא דימאנט | 62 |
| לאנדאנער יידישע טעאטערס | ש. | 64 |
| מיטטיילונגען איבער די יידישע ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס | | 64 |


**פרייז: 1 שילינג און 6 פענים**

אבאנענטס-פרייז :—19/6 פאר א יאר

אין אויסלאנד :—5 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע

"לשון און לעבן", נאראד-פרעס, 129-131 קאוועל סטריט, לאנדאן, א.1.

# צענטער יאָרגאַנג

אַז מיר דאָ אין לאָנדאָן זאָלן קאָנען אָנגיין דאָס צענטע יאָר פון אַ יידישן ליטעראַרישן זשורנאַל און נישט נאָר אין דער העפטל־פאָרעם פון דער מאַגערער התחלה מיט פּאָעזיע און קאַמף־אויפרופן פאַר יידיש, נאָר אַזוי ווי ר׳איז יעצט, אַ זשורנאַל, מיט דערציילונגען, דיכטונג, עסייען, געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרטיקלען, מיט בילדער, מיט אַ שער בלאַט, א.א.וו. דאָס איז שוין נישט מער אַ פיקס־אידייע פון אַ יחיד, פון עפּעס אַן איינגעגעסענעם עקשן, דאָס איז שוין אַן ענין פון אַ קאָלעקטיוו פון אַ געזעלשאַפט, יאָ פון אַ מנין יידן, פון אַ מזומן, פון אַן אַרבעטנדיקן קאָמיטעט.

דער עול ליגט נאָך אַלץ אויף מיר און בויגט מיך אַראָפּ, אַז איך זע מיך שוין באַלד נישט אַרויס... אָבער נאָך יעדן חודש ווען דער זשורנאַל איז שוין דערשינען און דער חוב וואַקסט אַלץ גרעסער ביים דרוקער, פיל איך סוף כל סוף די זיכערקייט אונטער מיר — עס זיינען דאָ איינציקע מענטשן, וואָס שטייען אַרום דער אַרבעט אויף וועלכער מען קאָן זיך פאַרלאָזן, אויסגעפּרוּווטע מענטשן מיט אחריות און פליכט־געפיל.

מיר וועלן יעצט נישט פייערן דעם צענטן יאָרגאַנג, ווייל די ערשטע 6 יאָר פון דער „העפטל״־עפּאָכע איז אַ באַענדיקטע שוין געוואָרן מיט 3 יאָר צוריק! פאַר מיר פּערזענלעך, און מיין אייגנטלעכער אַרבעט, מער נאָך מסתמא, ווי אַ פונדאַמענט פאַר אַן עקזיסטירנדיקן זשורנאַל אין אַ יידישן ישוב — אָבער די יאָרן זיינען געווען איינמאַליק און נישט מער צוריק צורופן, זיי האָבן זיך אויסגעלאָזן. פאַר 3 יאָרן, נאָכן סוף פון דער מלחמה — אויב פייערן וועלן מיר עס טון קומענדיקן חודש, דעם 1־טן פעברואַר, ווי דאָס דריי יאָריקע באַשטיין פון „לשון און לעבן״ ווי אַ ליטעראַרישן זשורנאַל, וואָס אונטער אים שטייט פאַרט אַ געזעלשאַפט פון פריינט, פון טוער, אַ זשורנאַל אין וועלכן עס באַטייליקן זיך איבער אַ צענדליק לאָנדאָנער אָנגעזעענע שרייבער, און אויך שרייבער פון אַלע טיילן פון דער וועלט שיקן צו זייערע אַרבעטן און וואַרטן געדרוקט צו ווערן — די ליטעראַרישע פּלאַטפאָרם פון יידישן לאָנדאָן.

דעם 1־טן פעברואַר 1949 וועלן מיר פייערן דעם 4־טן יאָרגאַנג פון אונזער זשורנאַל „לשון און לעבן״, פון אַ געזעלשאַפטלעכן חודש־זשורנאַל, מיט אַ רעדאַקטירער, מיט אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אַדמיניסטראַציע, מיט אַ פּרעזידענט, אַ וויצע־פּרעזידענט, אַ קאַסירער, אַ סעקרעטאַר און אַן אַרבעטנדיקער קאָמיטעט.

דער 1־טער פעברואַר וועט זיין אַ געזעלשאַפטלעכע שמחה פון יידישן לשון און לעבן אין לאָנדאָן.

(פּרעזיצער פון פ.פ.י.ל.) — א. נ. שטענצל

TOWER HAMLETS LIBRARIES
LOCAL HISTORY LIBRARY
LC. 1035/6
No:- 870

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור.

נומער 1 (העפט 108) צענטער יאָרגאַנג יאַנואַר 1949 לאָנדאָן

## גייסטיקע דיסציפּלין

1

ווען מיר וועלן זיך שוין האָבן באַרואיקט אין אונזער רויש מיטן מלוכה־נצחון, זיך געזעגנט און געשטילט מיט די נסים־זיגן, דערלעבנדיק די העלדן־טאַטן פון אונזערע חלוצים־און סאָלדאַטן־גבורים; ווען די שארית־הפליטה פון די אייראָפּעאישע לענדער, אונזערע פאַרלוירענע שבטים אין די אַזיאַטישע מזרח־לענדער, הונדערטער טויזנטער עולים פון אַנדערע ערד־טיילן, פאַרבענקטע נאָך אייגענער היים און לאַנד, צוריקגעקומענע פון אַלערליי גלות־לענדער, וועלן זיך שוין האָבן באַזעצט אויף אונזער ישראל־ערד, איש תחת גפנו ותאנתו, געזעצטע און באַרוהיקטע אין זייער בענקשאַפט און זאַטע און געשטילטע פון נצחונות — — אַן אייגענע שטאַרקע אַרמיי, אַטאָמיש מאָטאָריזירט־חייל, וועלן באַוואַכן די פעסטע גרענעצן פון אונזער פריש־עראָבערטער ירושה לאַנד, פון עק ביז עק, אַ גרויסער ים־פלאָט וועט באַשיצן אונזערע האַנדעלס־שיפן, וואָס וועלן שווימען אויף אַלע וואַסערן מיט תוצרות הארץ; און פון די אַן אויפהער פלאַטערדיקע רוישנדיקע לופט־ליניעס מיט די הונדערטער טויזנטער טוריסטן, עולי־רגל׳ניקעס און הייליקע־קברים־בעטער און פון די שוואַדראָנען הימל־פעסטונגען, צו באַהיטן אַט די ליניעס, וועט ממש שוואַרץ זיין דער הימל — מיר וועלן זיין ככל הגוים! באַוואָפנט ביז איבער די ציין און איבער די לענדן, ווי אַלע גרויסע שטאַרקע פעלקער!! דעמלט וועלן מיר ערשט איינזען דעם נס פון די צוויי טויזנט יאָרן אין גלות די נצחונות אונזערע בכל דור ודור ובכל רגע ורגע. דעמלט ערשט, אין אונזער געזיכערטער רואיקייט, וועלן מיר קוקן ווי אויף פליענדיקע וויזיעס, ווי אויף פלאַטערדיקע פעסטונגען, ווי אויף הוילע נסים, אויף אונזערע צעוואָרפענע שטעט און שטעטלעך צעוואָרפענע איבער דער גאָרער וועלט — יעדע יידישע שטוב אַ הייליקער וואַקואום אינמיטן דער פינסטערער וועלט פון יבנה־פומפדיתא ביז ווילנע־וואַרשע אין געטלעך פאַרהוילענער וועג פול מיט התגלות.

די צוויי טויזנט יאָר אונזערע אין גלות, וועלן נישט נאָר זיין אַן הגדה פאַר אונזערס אַ סדר־נאַכט פון אַ נאַציאָנאַלן דערלייזונג־יום־טוב. נאָר זיי וועלן ווערן די נייע לעגענדעס פאַרן נייעם סדר העולם. אַלע פעלקער וועלן זיך דערציילן אויסטערלישע נסים, וואָס זיי אַליין האָבן מיטדערלעבט מיט זייערע גויאישע אויגן — זיי וועלן זיי נישט משיג זיין קענען, די וואונדער, זיי וועלן

זייערע אײגענע שליפּיעס נישט גלויבן! זיי וועלן זיך טאַפּן ביי די ידים ידי עשו, צי ס'איז נישט עפּעס אַ חלום, אַ מעשה פון טויזנט און איין נאַכט — נישט אַ טאַטזאַך פון צוויי טויזנט יאָר לעבן פון אַ פאָלק נע־ונד געטריבן פון אָרט צו אָרט, כף הקלע געוואָרפן פון לאַנד צו לאַנד, אויפגעריסן אומעטום, געהעצט און געטריבן פון יעדן גאָרנישט, פון יעדן נידריקן שבת־גוי, פון יעדן אויפגעקומענעם המן; דורך שפּיץ־רוטן, דורך שייטער־הויפנס, דורך קרעמאַטאָריום־קוימנס, דורך געטאָס און גאַז־קאַמערן און צום סוף — — — אַ תחית המתים אויפגעשטאַנען פאָלק, פון גבורים און בריונים, פון חשמונאים און מכבי"ם, מיט פּאָליטיקער און פּאַרלאַמענטאַריער, מיט אַ פּרעזידענט און אַ זיגרייכע אַרמעע.

2

יאָ, אויסצוהאַלטן אַ פאַרביסענעם קאַמף, מנצח צו זיין פעלקער מוז מען טראָגן שטאָלץ דעם סאָלדאַטסקן מונדיר. מוז הערשן אײַזערנע דיסציפּלין, מוז באַפעל זיין באַפעל, מוז עקזיסטירן די היאַרכיע פונם פעלדפעבל ביז צום פעלד־מאַרשאַל. דער סאָלדאַט מוז אויפציטערן מיט זיין גאַנצן גוף, ווי אַ געשפּאַנטע־סטרונע אין זיין סאַלוט; אַ געסטראַיעטע פידל אין דער קאַפּעלע מוז ער זיין, ווען ער מאַרשירט אין דער שורה.

זיי שטייען די פעלקער און באַוואונדערן די יידישע אַרמיי, וויאַזוי זי האָט זיך דאָס גענומען צו יידן אין איין צווישן טאָג און נאַכט; מיר־נישט־דיר־נישט איז זי פון דער ערד אויפגעשטאַנען אַזאַ פּריציעז געשולטע, אַזאַ געהאַרטעוועטע אין אײַזערנע דיסציפּלין. און מיר אַליין זיינען נישט ווייניקער פאַרבליפט און קוקן מיט אויפגעריסענעם וואונדער אין די אויגן — גלויביקע אין די מקוים געוואָרענע רייד פון אונזערע נביאים.

יאָ, אויסצוהאַלטן אַ קאַמף מיט באַוואָפנטע פעלקער און זיי מנצח זיין, מוז מען טראָגן שטאָלץ דעם סאָלדאַטסקן מונדיר, מוז הערשן אײַזערנע דיסציפּלין — — אָבער צו קענען אויסהאַלטן אַזאַ לאַנגן פינסטערן גלות־וועג, אַ מאַרש פון צוויי טויזנט יאָר מיט הוילע הענט, מיט נאַקעטן לייב, אונטער שפּיז־רוטן און נאַגייקעס אונטער שנאה און רציחה־בליקן פון שבעים אומות, פון כל הגוים, האָט געמוזט הערשן גייסטיקע דיסציפּלין, יראת הכבוד, יראת הרוממות — — אַן אהבה שאינה תלויה בדבר האָט געמוזט זיין צום שפּערישן וואָרט, צו דער מינדעסטער טראַדיציע און ירושהדיקער מסורה. אין אַ פּאַנצער פון דינים און מנהגים האָט מען דעם גוף געמוזט אַנטון, פון שפּיץ קאָפּ ביז די קנעכל, דעם וועג צו קאָנען אַדורכמאַרשירן. יאָ, מיטן של ראש אויפן שפּיץ־קאָפּ און מיט די חליצה־שיך אויף די פיס! און די באַפעלן און די פּאַראָלן האָבן געמוזט גיין טאָג און נאַכט: „ובתורתו יהגה יומם ולילה"...

והוה גולה למקום תורה,—איז פאַר אונז געווען דער גלות! געהאַרטעוועטער מסירת־נפש צו גייסטיקן דיסציפּלין!! מיר האָבן געלערנט מקדש צו זיין יעדעס אות, צו ווערן אַליין די פּינטעלע ייד, צו געפינען אין זיך די נקודה הפנימית.

און ערשט דאָס וואַגיקע וואָרט אויף ציטער פון ליפּן — „ברענענדיקע



פייגל אין דער לופטן", שטאַפּעטן טויבן מיט וויכטיקע באַפעלן! דאָס וואָרט פונם גייסטליכן און גייסטיקן פירער איז הייליקער געבאָט; פאַרן הויך פון זיין מויל איז מען געשטאַנען כעבדא קמיה מרא. ס'מלכות האָט אָראָפּגעשיינט פון זיין פּנים — „מאן מלכי רבנן" און נאָך אונזער פּרץ האָט זיי אָנגעטון „דאָס שטריימל" אויף זייערע קעפּ ווי הונדערט קרוינען.

אָ, די אחריות פאַרן יידישן וואָרט און די אחריות פון איין ייד פאַרן צווייטן! ווי אַ באַפעל איבער אַ גאַנצער אַרמיי, אַ זיגרייכער אָדער אַ פאַרשניטענע איז געהאַנגען די אחריות, די ערבות איבער אונז, דור איין און דור אויס.

דאָס איז דער סוד פון אונזער צוויי טויזנט יאָריקן טאָג־טעגלעכן נצחון, פון די נסים אונזערע יעדע מינוט און יעדע רגע: דער דרך ארץ פאַר גייסטיקייט און שעפעפרישקייט איז געווען דער זינגנדיקער און זיגנדיקער מאַרש איבערן כדור הארץ — גלות איז געוואָרן פאַר אונז התגלות! צוויי טויזנט שעפערישע יאָרן! דאָס איז דער געוואַלטיקער כוח פון גייסטיקער דיסציפּלין פון פּסיכישע אויסגעהאַלטנקייט.

3

מיר האַלטן בכלל נישט אַז מלוכה, אַז מדינה פירט צו אַ גרעסערער מדרגה. אַז שטאָלץ זיין אויפן סאָלדאַטסקן מונדיר איז העכער ווי דרך ארץ פאַרן נאָמען מענטש. נאָר אויב דער מענטש איז נאָך נישט פעאיק צו גייסטיקע דיסציפּלין, אַז ס'איז נאָך אַלץ „איש את רעהו חיים בלעו". איז דאָך דער „ונהיה ככל הגוים" דער איינציקער אויסוועג.

יאָ, אַז נאָך אַצינד, אין דער לעצטער רגע פון אונזער צעבראָכענער שעה, אויפן לעצטן שטאַפּל פון אונזער גלות־עקזיסטענץ; דער שפל־המדרגה איצט פון אונזער גייסטלעכקייט און גייסטיקייט, אין אונזער פּסיכישן שפלות־געפיל אין שעפערישן שריים; אַז נאָך איצט, אַז מיר האָבן געהאַט דעם גייסטיקן כוח „די גייסטעס־געגנוואָרט", דעם באין־ברירה־ראַזמאַך צו קענען פאַרוואַנדלען דעם לעצטן עוקץ פון גייסטיקער דיסציפּלין אין אַ געפּאַנצערטער פויסט, און זי צו פּאַכן די וועלט אין די אויגן אַריין — —

די יידישע אַרמיי, די סאָלדאַטסקע דיסציפּלין אונזערע אַצינד, געהער צו די עשרה נסים, וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן ערב שבת בין השמשות! די וואונדערליכע בריאה אונזערע נאָך אונזער שעפערישע ששת ימי בראשית — דער „אײַזן"־דיסציפּלינירטער יידישער סאָלדאַט. איז דער „וויסקראַבעק" פון צוויי טויזנט יאָריקער פּסיכישער אויסגעהאַלטנקייט און גייסטיק־שעפערישער באַוועגלעכקייט — עס איז דער „ראָבאָט" פון אַ כף הקלע געוואָרן דיינאַמיש פאָלק, פון די פאַרבענקטע בעלי־קבלה דער אויסגעפּערטיקטער גולם, וואָס טראָגט דעם שם הויה אונטערגעקלעבט אונטער דער צונג — — — —

און אויב חלילה, אין רויש פון אונזערע פּאָליטישע פיזישע נצחונות, מיר וועלן פאַרגעסן די נסים ונפלאות פון אונזער צוויי טויזנט יעריקן גייסטיק־שעפערישן גלות־מאַרש, וועלן מיר צעטרעטן ווערן אונטערן טראָט פון אונזערע אײַגענע סאָלדאַטסקע שטיוול; וועלן מיר זיין אַ קליין גייסטיק־אָרעם

פאָלק צווישן אַלע גוים, אויפגעפרעסן צו ווערן פון זיי, גייסטלעך און גייסטיק. פון זייערע סטראַטעגישע און פּאָליטישע הענט, על פרשת דרכים אַן אַוועק־געשטעלט גולם, אַ גוט־פונקציאָנירטער ראָבאָט.

די גייסטיקע דיסציפּלין איז עס געווען וואָס האָט אונז גראַטעוועט פון אַלע געפאַרן און נויטן און טויטן, געפירט זיכער דורך מכשולים און שטרויכ־לונגען. און עס איז ווייטער דער יראת הכבוד און דער דרך ארץ פאַר גייסטיקע שעפערישקייט און התגלות, פאַר די ירושה פון די אַלע גלותן, וואָס וועט אונז ווידער מאַכן גרויס און מעכטיק און אומאָפּהענגיק... צורה׳דיק אייגנאַרטיק מיט אַן אייגענער סאָציאַל־קאָמפּעריש צורה.

אונזערע גייסטליכע און גייסטיקע מנהיגים פונם ישוב הייבן דאָס שוין אַן איינצוזען און אויך שוין אונזערע מיליטערישע און פּאָליטישע פירער, עס איז אַ סימן טוב און אַ מזל טוב און אַ נס פאַר אונזער געאייניקייט ווי אַ פיזיש און גייסטיק שעפעריש פאָלק.

מיר נעמען נישט אָן, אַז די גוטע באַציאונגען, וואָס ווייזן זיך יעצט אין ישוב צו יידיש און צו יידישע קולטור, איז אַן אויסערן פּאָליטישער מאַנעוורע, צו אַן אויסלענדישע מאַכט—אין אונזער פאַל, צו „יידיש לאַנד״!—אַ מלחמה־אומפאַרמיידלעכקייט, וואָס בשעת עס רייַדן די קאַנאָנען גרילצט נישט מער דאָס יידישע וואָרט אין די אויערן, מיר נעמען אָן, אַז דאָס איז אַן אָנהייב פון זיכערקייט, פון באַרואיקטקייט, פון געזעצקייט פונם ישוב — פון ישוב הדעת! — צו באַווייזן אַלע פעלקער פון דער וועלט: אויב מיר ווילן זיינען מיר נישט קיין אגדה, קיין לעגענדע, מיר זיינען אַ לייבהאַפטיק גייסטיק פאָלק, דאָס אַלטע דאָס אייביקע עם־הספר, וואָס ציט איבער דער וועלט און וועט ווייטער ציען איר באַפעל פאַר יושר און חסד, פיזיש געשטאַרקט אין איר גייסטיקן דיס־ציפּלין פון נצח ישראל.

## י. ביעטש

# די כותל מערבי

דינסטאָג דעם 7־טן אויגוסט 1945 איז מרים, אַ מיידל פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, צוזאַם מיט אַ גרופּע אַרטיסטן אָפּגעפאָרן פון לאָנדאָן, צום נאָענטן מזרח, צו שפּילן פאַר די טרופּן.

דער טאָג איז געווען אַ טריבער. פון גאַנץ פרי האָט געטריפט אַ ווייך דראָבנע רעגנדל און געווייקט די גאַסן און די הייזער, ס׳האָט אויסגעזען, ווי אַלץ איז איינגעהילט אין אַ דורכזוכטיקן נאַסן נעפּל, וואָס לייגט זיך שווער אויפן געמיט. כאָטש לאָנדאָן איז געווען יום־טובדיק געשטימט, ,מחמת די מלחמה מיט די היטלעריסטישע רוצחים איז שוין געווען פאַרענדיקט, דאָך האָט איבערן לאָנדאָנער הימל נאָך אַלץ געשוועבט דער קאָשמאַר פון נעכטיקן בליץ קריג, מיט אַלע זיינע שוואַרצע און בלוטיקע עטאַפּן.



די שוואַרץ־אויגיקע און באַחנטע מרים, איז באַהערשט געווען פון איין געדאַנק: צו זיין אין ארץ־ישראל... הויפּזאַכלעך, ירושלים... ראשית די שטאָט פון דוד המלך, דער גרויסער האַרפן שפּילער; די שטאָט פון הורדוס און סאָלאָמע און גלייכצייטיק אויך באַזוכן די היסטאָרישע הייליקע פּלעצער... די מוטער־רחל׳ס קבר, וועלכעס ליגט אויף דעם וועג קין בית־לחם, דורך וועלכן נבוזראדן האָט געטריבן די יידן אין גלות אַריין, אַמשטאַרקסטן אָבער האָט געלאָקט באַ מרים דער פאַרלאַנג, צו זיין ביי דער כותל־מערבי, די איינציקע איבערגע־בליבענע וואַנט פון בית המקדש וואָס טיטוס הרשע האָט פאַרברענט. צו וועלכער יידן פון אַלע עקן פון דער וועלט זיינען עולה־רגל, צייט דעם חורבן בית שני, צינדן אָן ליכטלעך אין די שפּאַלטן פון די פאַרהייליקטע שטיינער און זיינען מתפלל צו גאָט אויף דער גאולה.

עלטערע ווייבער און יונגע פרויען, לאָזן איבער אין די שפּאַלטן פון די גרויסע פירקאַנטיקע שטיינער, צוזאַמענגעוויקעלטע קוויטלעך, מיט פאַרשרייבענע ווערטער... ווערטער, וועלכע בלייבן אויף תמיד פאַרשלאָסענע סודות פון צעוויינטאָגטע הערצער... קינדער־זכרונות זיך אָנגעהערט פון אירע עלטערן און פון איר אַלטיטשקן זיידן.

דער חלום פון מרים׳ס עלטערן, צו האָבן די זכיה נאָך פאַר זייער לעבן צו זעען דאָס הייליקע לאַנד, איז בשעת מרים איז פון לאָנדאָן אָפּגעפאָרן אויך געוואָרן איר חלום. זי האָט ביי זיך געטראַכט: וועט די קאָמפּאַניע אויך באַזוכן ארץ ישראל? אפשר, ווער ווייס? זי האָט געוואָלט דורכרייסן דעם נעפּל, וואָס האָט זיך געוויקלט אַרום איר געדאַנק, דעם „אפשר״, וועלכער האָט איר באַ־גלייט אין אַלע עטאַפּן פון איר רייזע, ווייל ביים פאַרלאָזן לאָנדאָן, איז די גרופּע נישט געווען זיכער וועגן אַ באַזוך אויך אין פּאַלעסטינע.

אין איר מחשבה האָט זיך געפּלאָנטערט אַ עפּעס... וועלכער זאָגט אַ סך, אָן עפּעס, וואָס קען געשען גאָר אומדערוואַרטעט.

נאָך דעם באַרייזן אַ גרויסן שטח פונם נאָענטן מזרח, ווי מצרים, סיריע, איראַק איראַן, לבנון, און אַנדערע פּלעצער. האָט די גרופּע אומגעריכטערהייט זיך דערוואוסט, אַז זייער איצטיקע רייזע איז קיין ארץ־ישראל. און וואָס מער זיי האָבן זיך דערנענטערט צו דעם לאַנד, אַלץ אַ גרעסערע פרייד האָט אין מרים׳ס האַרץ זיך דערוועקט. אָבער אויך גרויס אומרואיקייט, לגבי דעם, וואָס ס׳קומט פאָר אין ארץ־ישראל.

ס׳איז געווען אַ שיינע זוניקער טאָג, ווען די גרופּע אַרטיסטן זיינען אַ שעה פאַר מיטאָג אָנגעקומען אין קעמפּ (לאַגער) נישט ווייט פון תל־אביב.

די זון איז געשטאַנען אין מיטן הימל און געפלאַמט. באַגלאַנצט אַלעס מיט אַ זילבערנעם ליכט. די לופט טיף בלוי און דורכזיכטיק אַזוי, אַז דאָס אויג האָט פּלוצים דערזען אַ פּאַנאָראַמע פון געוואַלטיקער שיינקייט פון מייל־ווייט, וועלכע האָט אין די בלויע דורכזיכטיקע לופט אויסגעזען גאָר נאָענט, אַזוי אַז די מענטשלעכע פאַנטאַזיע איז געכאַפּט געוואָרן אין אַ נעץ פון גרויסע איבערראַשונגען.

דער ערשטער קאָנצערט, וואָס די מוזיקאַלישע גרופע האָט דעם זעלבן אָונט געגעבן, פאַר די טרופן אין לאַגער, איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. אַרום דעם פלאַץ האָט זיך געטומלט מיט גערייידעריי, וועגן פאַרשידענע פראַגן, אָבער מיינסטן וועגן גאָר נישט. אינם דאָזיקן טומל האָט זיך צוגעקלעפט צו דער גרופע, אַ יונגערמאַן פון מיטלנעם וואוקס, מיט אַן אָפגעברענט, פון זון, פנים, אַ ברייטפלייציקער און אַ קאַרק רויט ווי אַ מאַן, וואָס האָט זיך געלייגט אין קנייטשן, בשעת ער האָט מיט וועמען גערעדט, מחמת זיין זעלנערישע געוואוינהייט צו האַלטן דעם קאָפ גלייך.

אין קעמפ האָט מען אים גערופן „דזשינדזשער דזשאָן”, צוליב זיינע געלע רויטלעכע האָר און פאַר זיין אונגעצוימטן חוצפהדיקן כאַראַקטער. זיינע פליישיקע באַקן האָבן זיך גערויטעלט, בעת ער האָט זיך פאַר די אַרטיסטן פאַרגעשטעלט און זיי פריינטלעך באַגריסט. ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז ר׳איז ביז גאָר צופרידן מיט די נייע אָנגעקומענע געסט. ביי יעדן געפרעגט, פון וואַנען און וועלכע געגענט ער, אָדער זי קומען. „דזשינדזשער דזשאָן” האָט זיך צעשמייכלט מיט אַ טאָן פון היימישקייט, ווען ער האָט דערהערט אַז מרים קומט פון נאָרד וועסט לאָנדאָן. אַ גליענדיק פייערל האָט זיך באַוויזן אין זיינע תאווהדיקע קליינע פאַרזשמורעטע אויגן, אַ פייערל וואָס בריט אָפ. און מיט אַ באַזונדערע כוונה זיך געווענדעט צו מרים: „זייער פיין, זייער פיין, אויסגעצייכנט ביז גאָר האָט איר היינט געשפילט... עס איז באמת זייער אָנגענעם מיט אייך זיך צו באַקענען: ווי מען שרייבט מיר האָט נאָרד־וועסט לאָנדאָן נישטקשהדיק געליטן פונם בליץ”. ער האָט זיך עפעס פאַרטראַכט און זיינע עטוואָס דיקע ליפן האָבן, ווי אַ שעפטשע געטון: „אַזוי... קומסט דו טאַקע פון דעם געגנט וואו איך בין געבוירן געוואָרן... וואָס פאַראַ צופאַל”.

מרים האָט אין דער רגע ביי זיך געטראַכט, אייגנטליך ווייס איך נישט מיט וואָס ער זאָל זיין מיט עפעס באַזונדערס צופרידן. זי האָט צו זיך אַליין געזאָגט: סוף כל סוף איז דאָס זיין זאַך... הגם דער ווייטערדיקער שמועס האָט זיך עפעס נישט געקלעפט איינס צום אַנדערן, איז ער אָבער נישט אָפגעשטאַנען פון פרעגן נייע פראַגן. און בינו־לבינו, חוצפהדיק אין איין אָטעם צוג, גלאַט אַזוי איר אַ פרעג געטאָן, וואָס זי דענקט וועגן דער געגנט, וועגן די אַראַבער, אויך וואָס פאַר אַ באַציאונג האָט זי לגבי די יידן דאָ אין לאַנד. די לעצטע פראַגע האָט געקלונגען אויסטערליש און משונה ווילד. אַזוי ווי איינער, וואָס איז נישט גאַנץ זיכער מיט זיך, ר׳האָט זיך באַקלאָגט אַז אַלע צרות, וואָס געשעט אויף דער וועלט זיינען נאָר שולדיק די יידן, ווען נישט זיי, וואָלט איך אפשר דאָ אין גאַנצן נישט געווען.

אויף די אַלע זיינע פראַגן האָט מרים גלייך נישט געענפערט, זי האָט זיך פאַרטראַכט און אים געפרעגט, צו איז דאָס אים שטאַרק נויטיק צו וויסן. אַ שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף איר קלאָר פנים, כדי נישט צו געבן אַ מעגלעכקייט פאַר ווייטערדיקע פראַגן, גלייך צוגעגעבן אַז די געגנט איז אויסערגעוויינלעך שיין. די אַראַבער וועלכע איך האָב ביז איצט באַגעגנט זיינען



פוילענצער און נישט גאַנץ זויבער; די קינדער פאַרנאַכלעסיקט. וואָס שייך די יידן, האָב איך מיך נישט וואָס צו באַקלאָגן, ווייל איך אַליין בין אַ יידישע....

די דערקלערונג, אַז זי איז אויך אַ יידישע, האָט אים ווי צעטומלט, פון גרויס איבעראַשונג האָבן זיינע גראָבלעכע ליפן עפעס געפלאָפלט, אַז דאָס מיינט ער נישט איר. זיין ברייט, פון זון אָפגעברענט פנים, איז מיט אַמאָל געוואָרן פינסטער און אָנגענומען אַ נאַרישעוואַטן אויסזען. ווי עס ווייזט אויס האָט דער חוצפהדיקער „דזשינדזשער דזשאָן” זיך נישט שטאַרק געקוויקט מיט איר ענטפער. צום גליק פאַר ביידן, פון די נישט געוואונטשע סיטואַציע איז געווען, וואָס די קאָמפאַניע זיינען איינגעלאַדן געוואָרן עפעס צו צובייסן אין דער אָפיצירן אָפטיילונג.

אין קאַנטין איז געווען פריילעך און טומלדיק; מען עסט, מען טרינקט, מען ליאַרעמט. צווישן די מענער איז פלוצלונג געוואָרן אַ באַוועגונג. זיי האָבן הילכיק אַפלאָדירט, ווען די גרופע אַרטיסטן זיינען אַריינגעקומען. מרים איז געגאַנגען מיט לייכטע לאַנגזאַמע טריט און פאַרטראַכט צו געוואָרפן שמייכעלדיקע בליקן אויף רעכטס און לינקס. טראָץ דעם אַלעם האָט זי זיך נישט געוואונדערט, ווען זי האָט געמערקט ליידיקע שטולן אויף אירע ווייטערדיקע קאָנצערטן.....

די נאַכט פון איר ערשטן קאָנצערט איז מרים קנאַפ געשלאָפן, די איבערלעבונג האָט איר האַרץ אָנגעפילט מיט טרויער. זי האָט דערפילט, אַז זי פאַרלירט דעם גלויבן אין דער מענטשהייט: האָט זי דען ניט ווי אַסך אַנדערע יידישע טעכטער און זין, נישט אָפגעגעבן זעקס יאָר דינסט אין דער מלחמה, כדי אויף אייביק אָפצושאַפן די שנאה פון פאָלק צו פאָלק... די טרויעריקע חשבונות האָבן ווי אַרויסגעטריבן פון איר האַרץ די פריילעכקייט פון איר דערפאָלג. זי איז ווי פאַרגליווערט געבליבן זיצן ביים פענצטער און געקוקט אין די ווייטע שטילקייט. פון ערגעץ האָט זיך אַ פערד צעהירזשעט און דער אָפהילך האָט זיך אָנגעקייקלט אין די טיפענישן פון דער נאַכט.

דער איינציקער פריילעכער מאָמענט, וואָס מרים האָט באמת געהאַט, איז געווען, בעת זי האָט איינמאָל אין אַ אָונט זיך דערוואוסט, אַז די קאָמפאַניע זיינען פריי אייניקע טעג פון געבן קאָנצערטן. ביי מרים אין געדאַנק האָט גלייך אויפגעטויכט דער לאַנג־נאָגענדער פאַרלאַנג צו זיין ביי דער כותל מערבי.

ס׳איז געווען אַ הערליכער זומערדיקער פרימאָרגן, ווען מרים איז געפאָרן קיין ירושלים. אויף די זייטן פון וועג זיינען פאַרביי געציטערט איילבירט ביימער, וועלכע זיינען געשטאַנען געהילט אין בלויען טוי, ס׳האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי פרומע יידן געהילט אין טליתים שטייען און וואַרטן צו הערן דעם שופר של משיח.

אַרום האַלבן טאָג איז מרים אָנגעקומען צו דעם „שער־יפו”, דער אַריינגאַנג צו דער אַלטער שטאָט. פון די שמאָלע ענגע געסלעך זיינען געקומען צו דער כותל מערבי יידן פון איבעראַל, טערקישע בוכאַרער, פוילישע יידן און תימנ׳ער

יידן מיט לאַנגע געקרייזלטע פּיאות. ווייבער מיט האַלב פאַרהאַנגענע געזיכטער. אויב ס'איז פאַראַן מאָמענטן אין אַ מענטשנס לעבן, וועלכע קריצן זיך טיף איין אין זכרון, זייער אָפט אפילו נישט וויסנדיק די סיבה דערפון, אַזאַ געפיל האָט די עטלעכצוואַנציק יאָריקע מרים איבערגעלעבט אין דעם מאָמענט בשעת זי איז צוגעקומען צו דער כותל מערבי. און פונקט אַזוי, ווי די אַנדערע פרויען האָט זי אַנגעשריבן איר אייגן געבעט־קוויטל, וועלכעס די ווערטער זיינען בשעתן צוזאַמענוויקלען באַשטויבט געוואָרן מיט זונען גאָלד, זי האָט עס מיט גרויס יראת־הכבוד אַריינגעשטופּט אין אַ שפּאַלט פון די הייליקע שטיינער.

אַ ציטער איז דורך איר יונג האַרץ און אין איר רעיון איז פּלוצלונג אויפגעשוואומען, דער גאַנצער גרויל פון דער מוראדיקער ביטערער צייט אין אונזער יידישער געשיכטע. די גרויזאַמע הריגות אויף יידן פון די היטלער־רוצחים, זיינען איר נאָענט געקומען פאַר די אויגן ווי אַ ווייטע פאַטאַמאַרגאַנע... זי האָט זיך פאַרטראַכט, וואָלט די מענטשהייט געוואוסט ווי פיל צער און ווייטאָג עס איז פאַר די לעצטע צוויי טויזנט יאָר, און ביטערע געוויינען פאַר די וואַנט אויסגעגאָסן געוואָרן, וואָלט זי תיכף אויפגעהערט צו באַגיין פאַרברעכנס קעגן יידישן פאָלק.

מרים האָט פּלוצונג אין די אַלטע פאַרגעלטע שטיקלעך פּאַפּיר דערזען פייערדיקע ווערטער... וועלכע שוועבן אַרום דער אַלטער וואַנט. די ירושה פון אַן אייגן גרויס הויז וואָס דערציילט פון גרויס העלדישקייט און מאַרטירערטום, ווערטער וועלכע מאָנען גערעכטיקייט ביי די פעלקער און טוען וועקן צו אַ שנעלער דערלייזונג.

* * *

טראָץ דעם וואָס מרים איז נאָך קיינמאָל געווען אַזוי ווייט און אַזוי לאַנג אַוועק פון איר היים און אויך שטאַרק געבענקט, האָבן אָבער די הערלעכע זוניקע טעג געכישופט און געריצט די פאַנטאַזיע. פון די וועלדלעך אַרום דער געגנט האָט זיך אין דער לופט געטראָגן ריחות פון קיילעכטיקע זאַפטיקע פּאָמעראַנצן און דער גליענדער רויטער פאַרב זייערער האָט זיך געשפּיגלט אין זוניקע ארץ־ישראלדיקע פרימאָרגנס. אַז ס'האָט אַזש פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אַזוי אַז מרים האָט אין אַלעם פאַרגעסן אין דער היים, די נאָענטע צו וועלכע זי האָט אויף יעדע סטאַנציע געשיקט אַנזיכט־קאַרטלעך מיט בענקעניש. זי האָט אָנגעהויבן אונטערצוברומען פאַרטראַכט אין זיך אַ שטילע מעלאָדיע און פּלוצלונג דערהערט זי ווי זי זינגט די „התקוה"־טענער...און צו זיך געזאָגט: נישטאָ וואָס צו בענקען. דאָ איז אַן אייגענע, ליכטיקע היים, דאָ איז ארץ ישראל.



עבר־הדני (תל אביב)

## די נקמה פון א אקס

דער אַלטער זמרי איז בייז און גייט אַרום אין דער סטאַדע ברוגז און אויפגערעגט. ער בייסט און בייסט דאָס גרינע גראָז און באַלד הייבט ער אויף דעם קאָפּ מיט שטאָלץ און גאווה. פאַרדרייט דעם קוק פון זיינע קיילעכדיקע שלעפּיעס און פלעכט אויף דעם וואָרצל פון זיין אויפגעשטעלטן עק. מיט שטאַרקע טריט, ווי אַ מאַן וואָס באַזיצט נאָך כח גברא, גייט ער דורך צווישן די קי וואָס פּאַשן זיך. די אַלע קי זענען שוין יאָרן געווען זיינע געפּאַרטע אין דער דאָזיקער סטאַדע און אַלע יאַלוויקעס וואַקסן פון אים. אַפילו יענע האָריגע, געפלעקטע ביקלעך, וואָס פּענטן זיך דאָרט אין די זייטיגע וועגן ביי דער טשערדע, זענען זיינע קינדער.

די דאָזיקע גאַנצע פילקעפּיקע טשערדע וואַקסט פון אַלטן זמרין. אַז וועסט אַדורכקוקן די טשערדע, אַפילו נאָר כאַפּעדיק, וועסטו באַלד באַמערקן זיינע ענלעכקייטן: דעם ווייסן פּאַס דורך דער לענג פון זיינע זשעברעס, דער לאַנגער עק, וואָס איז אין דער הויך שוין געלאָקט, דער וואָרצל— זיך הויך אויפגעהויבן, אַלע זיינע זמרים, מערקווירדיקע סימנים. זמרי האָט פון זיין בלוט גענוג איבערגעגעבן און האָט אין כח ניט געקאַרגט. וואָס נאָר ער האָט פאַרמאָגט פון זיין ראַסע האָט ער דער דאָזיקער סטאַדע איבערגעגעבן.

צי האָט ער אַ סך אייגנשאַפטן פאַרמאָגט? אויף דער דאָזיקער פראַגע קאָן קיינער קלאָר נישט ענטפערן. זיין גענעאַלאָגיע איז נישט קלאָר באַקאַנט. מען זאָגט, אַז ער איז אַ מישלינג, פון כלאים. מען דערקענט אין אים זער גוט די דמשקער אידלע ראַסע. זיין קאָפּ, עק, די לענג פון זיין קאָרפּוס זאָגן עדות, אַז ער האָט אין זיך דמשקער בלוט. מען דערקענט אָבער אין אים אויך נאָך אַנדער בלוט. אַביסעלע פרעמד בלוט: דער שוואַרצער בהמה־קאָליר זיינער, אויף דער וואַרים רויטלעכער קאָרק־פּאַס באַווייזן, אַז עס איז צו דעם דמשקער בלוט צוגעמישט געמיינעכץ.

איינס אָבער מעגן אַלע ערקענען. זיי לויבן זמרים רעפּראָדוקציע כח. דער דאָזיקער כח זיינער איז קאָלאָסאַל. די אַלע קי וואָס פרעסן יעצט אַן אויפהער דאָס גראָז אין טאָל און אויף די בערג — אַלע האָבן זיך יעדן פרילינג געקאַלבט, אַלע אָן אויסנאַם. און קיינער האָט שוין פאַר דער טשערדע ניט געזאָרגט. מען האָט געוואוסט אַז זמרי איז מיט דער טשערדע און מען קאָן זיך אויף אים פאַרלאָזן. אַז עס איז געקומען פרילינג־צייט האָבן זיך די קי אָנגעהויבן צו קאַלבן, איינע נאָך דער אַנדערער. וועלכע ביינאַכט, ווען זי איז געווען פאַרשלאָסן אין דער אָבאָרע, און וועלכע האָט געהאַט אין פעלד אין מיטן טאָג, אויף דעם ווייכן גראָז האָט זי געלאָזט איר ציטעריק פייכט קעלבל.

און אַלע קעלבלעך זענען שוין געווען ביים געבורט. אַז עס איז געקומען די צייט זענען אַלע לייכט אַרויסגעקראָכן פון דער מוטערס געבער־מוטער

אויף דער ערד ארויף. און אין אַ מינוט זענען זיי שוין געשטאַנען אויף די פיס, געוואַקלט זיך אַהין און אַהער, עקשנותדיק בלינד געבאַדיעט די דיכער פון דעם קימפּעטאָרין.

און די אדמיניסטראַציע־לייט, פריי פון זאָרג, האָבן געקוקט אויף דעם יונגן קעלבעלע, געגלעט זייער גלאַנצנדיקע פעל, און אַוועק צוריק צו זייער באַשעפטיגונג.

זמריס קעלבער זענען שטאַרק — האָבן זיי פעסט קאָנסטאַטירט — זענען געזונט און שווער אויף דעם וואָג.

מען האָט זמריס אַרבייט באַדאַנקט און געלויבט.

אָבער דאָך, שפּעטער איז דער גורל פון די קעלבער נישט צו אַלע גלייך געווען. די קעלבלעך וואָס וועלן אויסוואַקסן, אויף קי האָט מען מער געקעלט. אָבער פון די ביקעס האָט די אַדמיניסטראַציע אָוועקגענומען מילך, זיי גיין דאָך צו דער שחיטה, און דעריבער האָבן די ביקעס שנעל אַלט אויסגעזען, זייער שערשטש האָט זיך שנעל פאַרפּלאָנטערט, די מאָרדעס זייערע האָבן זיך געשאָקלט און לאַנג געוואָרן ווי ביי בלוט־מאַנגלנדיקע, עס איז אויף זיי געוואַקסן פאַרפּלאָנטערטע קודלעס, אַזוי ווי אויף אויסגעהונגערטע הינט.

און אפילו די קעלבלעך איז אויך נישט אַלע מאָל גלענצענד געווען. מען לאָזט זיי טאַקע זייגן, אָבער — די מענטשן ברויכן דאָך אויך מילך. אַז עס איז אַ געראָטן יאָר קאָרמעט מען צו מיט טראַווע, ווען עס איז אָבער אַ שלעכט יאָר און עס איז נישטאָ קיין טראַווע? איז זייער שערשטש אויך פאַרפּלאָנטערט, און זייערע ביינער שטורצן אַרויס, און די אויגן זייערע זענען אָן לעבן־גלאַנץ.

געכאָוועט האָבן זיך אָבער סיי די ביקלעך, סיי די קעלבלעך, סיי אין אַ געראָטן, סיי אין נישט קיין געראָטן יאָר. דער רעפּראָדוקטאָר זייערער האָט אין זיי פון זיין גרויסן כח אַריינגעגעבן אַן אויסערגעוויינלעכן שטאַרקייט, און מיט דעם דאָזיקן שטאַרקייט זענען זייערע ביינער פעט געוואָרן און שטאַרק ביז די ביקלעך האָבן געטויגט פאַר דער שחיטה און די קעלבלעך פאַר יאַלאָוויזנע.

אַזוי זענען יאָר איין און יאָר אויס צוגעוואַקסן בהמות אין דער טשערדע, און יעדער קאַלב איז שענער געווען פאַר איר מוטער. פון אַ קליינער, מאָגערער קו זענען דריי דורות געגאַנגען — דער צווייטער איז שענער געווען ווי דער פאָרגענגער. פון אַ שוואַרצער דראַבנער מוטער זענען געקומען דריי דורות שטאַרקערע, העכערע און איידלערע פון איר.

— דאָס אַלץ איז זמריס פּרוכט, — האָט מען מיט בטחון געזאָגט אין דער אַדמיניסטראַציע, ווארים עס איז דאָ פאַר דער טשערעדע אַן עלטסטער און אַ פאַרזאָרגער.

* * * * *

און זמרי האָט געשפּירט וואָס מען זאָגט איבער אים. ער האָט הויך געטראָגן זיין קאָפּ, געלאַסן מאַרשירט. צי ווען מען איז אַרויסגעגאַנגען צו דער



פּאַשע, צי ווען מען איז פאַרנאַכט צוריק געקומען איז זמרי געגאַנגען אין דער שפּיץ פון טשערעדע אָדער אין דער זייט אָדער, ווי אַ שומר, גאַנץ פון הינטן און אַלע האָבן אים באַוואונדערט. אין דער אמתן האָט די טשערעדע נישט געפירט דער פּאַסטוך, נאָר טאַקע זמרי. און עס האָט זיך קיינמאָל נישט געטראָפן אַז ער איז ווערט געווען מען זאָל זיך בייזערן אָדער אָנשרייען אויף אים. אַזוי איז זיין וועג געווען, גראַד און ערליך. קיינמאָל איז ער נישט געגאַנגען אויף אַ פאַרזייעט פעלד אָדער אויף אַ פרעמד פעלד. און אַז קי האָבן געווילדעוועט און אַריינגעריסן זיך אויף פאַרזייעטע פעלדער, און דער פּאַסטוך האָט זיי צוזאַמענגעקליבן פאַרסאַפּעט און אויפגערעגט, איז זמרי געשטאַנען אויף איין אָרט: ער האָט זיך נישט געשראָקן פאַרן פּאַסטוכס שטעקן און נישט מורא געהאַט פאַר די שטיינער וואָס זענען געפאַלן

אין קיילעכדיקער קוק, ווען ער האָט אַרויפגעדרייט אין דער הויך זיין וואָרצל־עק, האָט ווי געזאָגט: „אויף מיר זאָלסטו נישט שרייען און נישט בייזערן זיך, אויף מיר זאָלסטו נישט וואַרפן דיין שטעקן און דיינע שטיינער".

דער פּאַסטוך האָט אים אין זיין גאַנצן אימפּעט נישט אָנגערירט. די האַנד זיינע האָט זיך פון זיך אַליין צוריקגעהאַלטן, דער שטיין איז גאָר ערגעץ אַנדערש געפאַלן און דער שטעקן איז געפלויגן און גאָר געפאַלן אויף די קאַרקעס פון די געמיינערע אין דער טשערעדע: אויף וועלכער אָרימער נערוויאַישער קו, אויף וועלכן פאַרפּלאָנטערט פאַרעקשנט ביקל, אַן חן און סימפּאַטיע, אָדער אויף יענע אויסגעשניטענע ביקעס וואָס זענען אַן כאַראַקטער און דרך ארץ. אַזוי האָט זיך אַלע מאָל געפירט און דער פּאַסטוך האָט אים נישט אָנגערירט, און זיין שטאָלצער קאָפּ האָט נישט געוואוסט וואָס הייסט הכנעה.

„אין דער טשערדע בין איך דער פירער און עלטסטער", האָט זיך געדאַכט רופט זיין שיינער קליינער קאָפּ, וואָס זיצט אויף זיין נאַקן אָנגעצירט מיט קנייטשן פון גלאַנצנדיקער פעל. און דער פּאַסטוך האָט קוקנדיק אויף זמרין זיך באַרוהיגט. דער פּאַסטוך האָט ערגעץ אויפגעהויבן אַ וויטקע, געזעצט זיך ערגעץ ווי אין שאָטן, געלעזן אַ בוך נאָר זעלטן געכאַפּט אַ קוק אויף די בהמות, אויף דער פּאַשע.

זמרי האָט זיין אויבערשאַפט געפירט שטרענג, ער האָט נישט צופיל געפרעסן. צוויי־דריי לייכטע גריזשעס — דאָס איבעריקע לאָזט ער איבער פאַר די קי, וואָס פּאַשן זיך. די דאָזיקע זענען קיינמאָל נישט זאַט. ער איז זאַט אַז די טראַווע פאַרדעקט אים. באַלד שטעלט ער זיך אויף גרויסאַרטיק, אַזוי ווי נאָר ער קען, און קוקט אַדורך אַלע נאָענטע לעבן זיך וואָס פרעסן אַזוי טיכטיג. און ווען ער שטעלט זיך אויף זעט ער אַלעס, קיין זאַך איז פאַר אים נישט פאַרהוילן... ער זעט די צובאַלעוועטע יאַלוווקעס, וואָס דער פרילינג האָט אין זיי כח אַריינגעגעבן. ווען זיי ווילדעווען צווישן זיך בלויז, אינטערעסירט דאָס אים נישט, אָבער אַז וועלכער טרעט אַריבער די גרעניץ פון דעם

וואָס מען מעג וואַיעווען, און הויבט אָן ווער צו פאַרפירן מיט וועלכן פאַרפירטן קאַלב, און אַנדערע זעען דאָס און גיין אויך נאָך — גיט זמרי אַ נייג זיין קאָפּ אַלס אַ צייכן, אַז ער איז נישט צופרידן מיט אַזעלכע שטיק. בלויז איין איינציקן שטאָלצן שאָקל — און גענוג. אַלע האָבן אים פאַרשטאַנען, האָבן זיך אויסגעדרייט און אַוועקגעגאַנגען, ווי פאַרשעמטע האָבן זיי זיך באַהאַלטן צווישן דער טשערעדע, ווי אַזעלכע וואָס מען האָט געכאַפּט ביי אַ פאַרברעך.

און זמרי פלעג צו גיין געלאָסן צו דער פאַרפירטער יאַלוווקע, און האָט זיך נעבן איר נאָענט אַוועקגעשטעלט, האָט צוויי־דריי גריזשעס געגעבן פון פעטן גראָז און איז צוריק אויף זיין שטאָלצער שטעלע. פון דעם מאָמענט אָן האָט שוין קיין קאַלב נישט געהאַט די העזה צו קומען אין זיינע פיר איילן און די יאַלוווקע וואָס איז רייף געוואָרן האָט זיך געהיטן צו ווינקן מיט די אויגן ערגעץ וואו שטיל און פרום געגריזשעט דאָס גראָז אַזוי ווי מורא האָבנדיק פאַר דעם דאָזיקנס מענלעכקייט און פאַר זיין שאָקל.

אַזוי האָט זיך זמרי געפירט אין פרילינג און סוף זומער, אין די כמאַרנע טעג און די קאַלטע נעכט. תמיד געטריי צו זיין פונקציע און שטאַרק פּראָדוקטיוו. און ווען די טשערעדע איז פון דער פאַשע אַריין אין שטאַל און מען האָט דעם טויער פאַרשלאָסן און די בהמות האָבן זיך צוזאַמענגעשטופּט פאַר שרעק און איילעניש איינע צו דער אַנדערער, פעל צו פעל, — איז זמרי געשטאַנען אין דער מיט, זיין קערפּער האָט געדריגעט, זיין קאָפּ אין דער הויך, גלייך פאַר זיינעטוועגן איז אייביק דאָ גרייט אַ ברייטע שטעלע. רוהיק און שטאָלץ איז ער געשטאַנען און נישט אַראָבגעבויגן זיין קאָפּ פאַרן רעגן אָדער ווינט אָדער פאַר דער ברענענדיקער זון אין זומער.

אַז עס האָט אַמאָל אַ רעגן געגאָסן מיט שאַרפע שפּריצן די פעל געשטאָכן, אמאָל א וואָלקן בראָך פון הימל — זמרי איז געשטאַנען ווי תמיד, גרויס און שטאָלץ. ווען די טשערעדע האָט זיך אויסגעדרייט צו אַ שטאַרקן צפון ווינט וואָס האָט גערעגנט מיט שאַרפע ווי אייז געפרוירענע פיילן — און זמרי האָט זיך נישט איבערשראָקן. און אַז די סטאַדע איז געווען הונגעריק און עס האָבן זיך אין שטאַל געהערט מרוקען, ביי נאַכט ווען אויף דער גאַס איז געווען אַ קעלט — האָט זמרי קיין שאָרך נישט אַרויסגעלאָזט. קיינער האָט נישט געהערט זמרין מרוקען — נישט קיין פריילעך מעקן און נישט קיין טרויריק מעקן, אַ מרוקע נאָך וואַסער אָדער אַ מרוקע נאָך עסן. ער איז שטאָלץ געווען צו לאָזן הערן זיין סקאַרגע. ער האָט געקאָנט זיך צוריקהאַלטן אַפילו בשעת שמחה.

דעריבער האָט ער זיך פאַרדינט אין דער אדמיניסטראַציע צו אנערקענונג פון אזא ערע. און נישט נאָר די יונגע ווילדע קעלבער האָבן זיינע באַפעלן געהאַלטן, נאָר אויך די אדמיניסטראַציע־לייט, שטייענדיק אויף אַ באַשטימטן דיסטאַנס פון אים, האָבן געזאָגט: „אַ, אונזער זמרי איז נאָך שיין״.

נאָך היינט וועט מען אין קיין שום טשערעדע נישט געפינען קיין בעסערן פון אים.



וואָס זשע אייגנטליך איז זמרי דענערווירט? צי פילט ער אַז די עלטער קומט, אָדער אפשר זעט ער אַ שטאַרקן יונגן ריוואַל אין דער טשערעדע, און ער זמרי איז שוין שוואַך, אַז ער זאָל אים איבערטראַשן? ניין. זמרי שפירט נאָך קיין עלטער נישט און אַזאַ ריוואַל, וואָס זאָל זיך קאָנען מיט אים פאַרמעסטן איז אין דער טשערעדע נישט פאַראַן. די אדמיניסטראַציע־לייט זאָרגן אויך דערפאַר, אַז עס זאָל נישט אויפשטיין פאַר זמרין עפּעס אַ געמיינער ריוואַל. ווען וועלכעס ביקל ווערט רייף שניידט מען דאָס אויס. אַז עס האָט פאַרפעלט פלייש אין דער אדמיניסטראַציע, האָט מען געשחטן אַפילו אַזעלכע וואָס זענען נאָך נישט צייטיק געווען פאַר אויסשניידן. עס איז נאָך פאַראַן אין סטאַדע עטליכע נאָך נישט אויסגעשניטענע ביקעס אָבער די דאָזיקע זענען פאַרנומען מיט דער גרינער תבואה אין פרעמדע פעלדער, און ביסל רייז ביי די סטאַוועס. זענען פאַרנומען אין יעדער גניבהשער פאַשע און זענען גאָר נישט אינטערעסירט מיט די קי אָדער יאַלוווקעס.

..אָבער דאָך האָט זמריס האַרץ אים אמת געזאָגט. עס איז געקומען אין דער אדמיניסטראַציע אַריין אַ שטאַרקער ריוואַל, — אַ ריוואַל א צווייפוסיגער. פון ווען אָן עס האָט זיך געיאָוועט דער בליאָדער שטאַל מייסטער, זענען אין דער טשערעדע פאָרגעקומען (נייע) אָרדנונגען וואָס וועקן אין זמרין חשד. פלוצים איז געקומען אַן ענדערונג אין די פאַרהעלטניסן אין דער טשערעדע, אַזוי זענען ענטקומען בהמות איינע נאָך דער אַנדערער. זמרי האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז עפּעס נייעס געקומען, אָבער וואָס אַזוינס ווייסט ער נאָך נישט.

און דער דאָזיקער שטאַלמייסטער האָט אָנגעהויבן צו באַווייזן זיינע מעשים. זער אָפט האָט ער זיך געשטעלט ביי דער שטאַל און האָט אַדורכגעלעכערט מיט זיין קוק וועמען ער האָט באַדאַרפט, ער האָט ווי קאָנטראָלירט יעדן קאָפּ.

„וואָס קוקסטו אַזוי שטאַרק?״ האָט זמרי אַראָפּגעבויגן זיין קאַרג, אויסגעצויגן זיינע רוקן־מוסקולן, אַרויפגעשאַרצט אין דער הויך זיין וואָרצל־עק.

— נאַ־באַק, זמרי! — האָט ער געשריגן פון יענער זייט פון פאַרקאַן פון דער שטאַל.

און אַז זמרי האָט אָן חשק און מיט שטאָלצע טריט זיך אַוועקגערוקט, האָט אויף אים דער בליאָדער פאַרשווין שוין מער נישט געקוקט. אָבער נאָך יעדער זיין קאָנטראָל האָבן געפעלט פון דער טשערעדע עטליכע שטיק, טייל קי און ביקלעך האָט מען אַוועקגענומען אין דער גרויסער שטאַל אַריין, אין יענעם נייעם ציגל־מויער און דאָרט האָט מען זיי פאַרשלאָסן, טייל האָט מען אַרויסגעפירט פון דער סטאַדע און מען האָט זיי מער שוין אין אדמיניסטראַציע הויף נישט געזען. און זמרי האָט, יעדעס מאָל ווען די סטאַדע האָט זיך געמינערט מיט אייניקע שטיק, — געפילט אַז זיין איבערשאַפט ווערט קלענער. אין זיין פעל האָט ער געשפירט, אַז עפּעס געשעט, אַז עפּעס אַזוינס קומט דאָ פאַר וואָס רירט אים זער און זער אָן. און ווירקלעך זיין פאַרגעפיל

האָט אים נישט אָפּגענאַרט. דעם שטאַלמייסטערס האַנט האָט אים דערטאַפּט. די דאָזיקע האַנט האָט אים פּלוצלינג באַקומען ווען ער האָט זיך נישט אָנגעהויבן צו רעכטן. מיט אַ שווערע און לאַנגע אייזערנע קייט איז זיין שטאַלצער קאַרק פֿאַרבונדן געוואָרן, און אָן דעם מינדסטן ווידערשטאַנד איז זמרי נאָכגעגאַנגען דעם געפֿערלעכן פֿאַרשוין, וואָס האָט אים אַרויסגענומען פֿון דער שטאַל און פֿאַרשפּאַרט אין דער ציגל געבײַדע.

— דאָ וועסטו שטיין, זמרי.

דער שטאַלמייסטער האָט אים צוגעבונדן צום רינג פֿון דער וואַנט און האָט זיך גאָר נישט געשראָקן פֿון זיין קײַלעכדיקן קוק.

ענדלעך האָט מען דיך אויך געבונדן? — האָבן די אַרומשטייענדע אַדמיניסטראַציע־לײַט געלאַכט זיי האָבן דעם שטאָלצן קאַרק פֿון סטאַדע־אָקס געטאַפּט, האָבן געגלעט די קנײַטשן פֿון זיין פֿעל אַרום האַלז.

אמת מען האָט אים פֿון דעמאָלט אָוועקגעשטעלט בײַ אַ פּולן זשלויב און עס האָט אים גאַרנישט געפֿעלט, נישט די זון האָט אים געברענט, נישט די קעלט האָט אים דערקוטשעט, פֿונדעסטוועגן איז דער חשד, וואָס האָט זיך אין אים דערוועקט צו דעם פֿאַרשוין, מער נישט געשלאָפֿן. דער פֿאַרשוין האָט מיט באַרשטן און מיט זגרעזשעבלעס געקראַצט און געקעמט, זיינע קאַרק מוסקולען, זיינע קנײַטשן אַרום האַלז, און אַמאָל האָט ער אים מכבד געווען מיט אַ גוטן, פֿריילעכן פּאַטש — פֿונדעסטוועגן האָט זיך זמרי מיט אים נישט איבערגעבעטן. דער חשד איז אינעווייניק נישט פֿאַרלאָשן געוואָרן און ער איז ווייטער געשטאַנען אויף דער וואַך.

דער שטאַלמייסטער פֿלעגט דעמאָלט זאָגן צו די אַדמיניסטראַציע־לײַט:

— נישקשה, זמרי האָט זיך שוין צוגעוואוינט. ביסלעכווייז גיט ער זיך אונטער דעם נייעם אָרדנונג.

— ער געוואוינט זיך, הא? — האָבן זיך די לײַט געוואונדערט און צוגעגאַנגען נאָענטער.

— ער מוז. — האָט דער פֿאַרשוין געזאָגט מיט אַ פֿאַרדריסלעך פֿעסטקייט אַז אַלע זאָלן הערן. — אַז די קי שטייען אין שטאַל, איז גלייכער דער אָקס זאָל אויך זיך נישט אַרומשלייען אויף די בערג. אָט דאָ וועט ער שטיין, צוגעבונדן צום זשלאָב, ער וועט באַקומען זיין פּאַשע וועט ער בעסער ערלעדיקן זיין פֿונקציע.

— זיין פֿונקציע — כּי־כי — האָט די אַדמיניסטראַציע־לײַט הנאה געטון און האָבן נישט געשמייעט צומישן זיך אין די נייע ענטשטאַנענע אָרדנונגען.

זמרי האָט דאָס אַלץ געהערט, געזען די מענטשן אַרום שמייכלען — און גלייך ווי ער זעט נישט און הערט נישט — איז ער געשטאַנען אויסגעצויגן מיטן עק אויפֿגעשטעלט און מיט דער מאָרדע צו דער וואַנט, דעם קאַרק גערינצלט — און שטאָלץ אַזוי ווי גרייט אויפֿצוהויבן די גאַנצע געבײַדע מיט די ריגלען און טויערן און אַרײַנצווואַרפֿן ערגעץ אין וועלכן טאָל אַרײַן.

(המשך קומט)



משה עובד

# משיח׳ס נסיעות און נסיונות

## משיח ענטפּלעקט דעם מענטש פֿאַרן אייזעלע

קאַפּ. יב

נאָך דעם ווי יאַנקעלע איז אַראָפּ פֿון יושר־באַרג איז ס׳אייזעלע געבליבן זיצן אויף די אונטערשטע פֿיס. צעמישט אין טיפֿע מחשבות און אין פֿראַגן. און געגלאָצט אַרויף צו משיח.

פֿרעגט אים משיח: — „זאָג זיס אייזעלע, זאָג, וואָס ווילסטו מיך פֿרעגן?"

— איך האָב געוואָלט פֿרעגן דעם גואל־לעבן פֿאַר וואָס ער באַוואונדערט אַזוי שטאַרק יעדן בן־אדם. איך טאָר אים ניט טויטן. איך טאָר אים ניט שלעכטס טון, אפֿילו אים באַליידיקן אַביסעלע טאָר איך אויך ניט. פֿאַר וואָס ניט? ווען מלאכים וואָלטן געזען ווי דער גואל־לעבן האָט ליב און באַוואונדערט מענטשן, וואָלטן זיי געווען אייפֿערזיכטיק.

— ניין, — מיין טייער אייזעלע ענטפֿערט אים משיח. — די מלאכים ווייסן ווי געטלעך מענטשן זיינען, דעריבער זיינען זיי טאַקע מלאכים.

בעט זיך ס׳אייזעלע מיט טרערן — קען דער גואל לעבן פֿאַר מיר אויך מגלה זיין מיט וואָס דער מענטש איז אַזוי גרויס אין געטלעך?

— קענסטו האַלטן אַ סוד אייזעלע מיינס? — פֿרעגט אים משיח.

— יאָ, גואל־לעבן מיט מיין געדולד קען איך דעם שטורמדיקסטן סוד איינהאַלטן.

— טאָ גוט! — און משיח האָט געגעבן אַ קוועטש אַ קנעפּל פֿון אַ שטערן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ דיקער שוואַרץ־פּלושענער פֿאָרהאַנג איבער דער לבנה. און אין שטאָק פֿינסטערניש, אונטער פֿיר אויגן האָט משיח מגלה געווען דעם מענטש פֿאַרן אייזעלע.

— זיי ווייסן מיין טייער אייזעלע, אַז יעדער מענטש איז אַ גרויס וועלט־מלכות אין דער וואָס איז פּוגע בכבוד פֿון אַ בן־אדם זינדיקט קעגן אַ גאַנץ קעניגרייך.

זינדיקן קעגן מיר איז בלויז זינדיקן קעגן אַ אידעאַל. וואָס בין איך דען מער ווי אַ אידעאַל? אַ מייסטער פֿון אַ אידעאַל. זינדיקן קעגן דיר מיין אייזעלע, איז זינדיקן קעגן אַ דינער פֿון אַ אידעאַל אָבער זינדיקן קעגן די ווערדע פֿון אַ מענטש איז זינדיקן קעגן די געטליכע יצירה וואָס האַלט בײַ ווערן דער יוצר פֿון נייע וואונדער־וועלטן. אַ קליינינקייט אַ מענטש!

אַלע זיינע רמ״ח אברים ושס״ה גידים זיינען באַפֿליגעלט. מיט זיינע חושים קען ער פֿליען און עראָבערן וועלטן פֿאַר זיך. מיט זיין זכרון קען ער מחיה־מתים זיין טויטע טעג. און מיט זיין פֿאַנטאַזיע באַלויכטן די הרי־חושך. גרויס איז זיין קעניגרייך! אין זיין יעדן טראָפּן בלוט פֿליען אַרום זעקס מיליאָן באַפֿליגלטע מיקראָבן אין שפּיץ פֿון זיין קלענסט פֿינגערל האָט ער אַ גרעסערע

לופט פלאַטע פון אַלע קעניגרייכן פון דער וועלט. אַ קליינינקייט אַ מענטש!

האָסט זיך געוואונדערט דאָס וואָס אַ ציטער פון יראת הכבוד איז אַדורך מיין גאַנץ וועזן ווען איך האָב באַטראַכט יאַנקעלען. וואָלסטו אים געזען ווי איך וואָלסטו אויך פאַר אים געהאַט גרויס דרך־ארץ. ווייסטו ווער ער איז? קענסטו זיין יחוס? — ער שטאַמט דאָך פון די אבות, וואָס האָבן געשאַפן מלאכים, זעקס פון זייערע מעכטיקסטע נשמה־פליגלען האָבן זיי יעדן מלאך געגעבן עס זאָל דעם מלאך זיין לייכט צו טראָגן אַ שווער שליחות.

עס האָט פּאַסירט פאַלן ווען די מלאכים ישראל האָט געשאַפן זיינען געוואָרן צו מעכטיק און געוואָלט מיט געוועלטיקן איבער ישראלן, און ישראל האָט געמוזט מיט זיי קעמפן און זיי באַקעמפן.

דאָס איז געווען אַ מאָל. און היינט זע ווי דער מענטש געוועלטיקט איבער דער לופט און איבער דעם טויטן דומם. ער זאָגט צו פעלזן פון שטאָל און אייזן „פליט!“ און זיי פליען אַהין דאָרט ווי דער מענטש וויל.

דער מענטש וועט נאָך די פלאַנעטן באַפליגלען און זיי באַפעלן זיי זאָלן פליען אין די דרכים וואָס ער וויל און זיי וועלן מוזן פאָלגן.

אַ קליינינקייט אַ מענטש!

דאָס אייזעלע האָט זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט מיט אויגן נאָכאַמאָל אַזוי גרויס, און די גרויס פון זיי איז שוין ניט מער געוואָרן איינגעשרימפּט. הגם ס׳אָרימע אייזעלע האָט זיי נאָך אַ סך מאָל אין טרערן געוואַשן.

## משיח ענטפּלעקט זיין עיקר שליחות

קאַפּ. יג

בינ־לבינ האָט משיח׳ס רום זיך וויט, הויך און טיף פאַרשפּרייט. ביז די גאַנצע הימלישע קאָנסטילאַציע איז געוואָרן איין גרויסער בעלפריי מיט גלאָקן וואָס האָבן געקלונגען „דער גואל איז געקומען! דער גואל איז געקומען!“ אָבער צי דער זעלבער צייט האָט יעדעס אויער אין אויג, צונג און לונג געהאַלטן אין איין פרעגן זיך און יענעם: „ווער איז ער דאָס דער בעל־מופת? פון וואָס פאַראַ שטאַם שטאַמט ער? ווי געפינט זיך דאָס לויטערע וואַסער, וואָס האָט אים גערייניקט? דער פרישער קוואַל ווי ער האָט געשעפּט זיין קדושה? וואו איז דאָס פייער וואָס האָט אים געגאָסן און די קאָוואַדלע און האַמער וואָס האָבן זיין ווילן געשמידן?“

אונצייליבאַרע תירוצים און סברות האָט מען געהערט פון אַלע זייטן אָבער דוירנט צופרידנשטעלט איז קיינער ניט געווען. און עס האָט פאַרשאַפט אונרו אין יעדן טריט פון יעדן פוס און יעדן פלי פון יעדן בליק און פון הויכן יושר־באַרג האָט משיח אַלעס גוט געזען, געהערט און געפילט.

האָט משיח געזאָגט צום אייזעלע:

„איך קען לענגער ניט בלייבן אַ נסתר, די צייט איז געקומען נתגלה צו ווערן. איך בין דאָך געקומען, ניט נאָר ברענגען פעלקער דעם שלום, נאָר אויך



מענטשן די רו און דאָס מענטשלעכע מין איז שטאַרק באַאונרואיקט איבער מיר“.

האָט משיח געבלאָזן מיטן שופר און ס׳אייזעלע האָט מיט געשריי געשטאַרקט דעם קול־שופר:

„מאָרגן די צייט וועט משיח זיך ענטפּלעקן! אַלע וואָס ווילן הערן און וויסן זאָלן אַרויפקומען אויף דעם יושר־באַרג“.

און געקומען זיינען נאָר די גערעכטפאַרטיקע, אָדער די וואָס האָבן געמיינט אַז זיי זיינען עס. אָבער די וואָס האָבן געמיינט אַז זיי זיינען זינדיק זיי זיינען ניט אַרויפגעקומען. זיי האָבן זיך געשעמט פאַר משיחן.

ואלה הדברים און דאָס זיינען די רייד משיח האָט גערעדט אויף דעם יושר־באַרג צו אַלע פאַרזאַמלטע:

„איך בין מער געזאַלבט פון זינדיקע ווי פון די גערעכטפאַרטיקע“. איז געוואָרן אַ גרויסע מהומה און אַ מורמעלונג בפרט צווישן די „צדיקים“ אין גענזען־פיסעלעך! האָט ס׳אייזעלע געגעבן אַ געשריי. „ששש! זאָל זיין! האָט געדולד!“ און פאַרטויבט מיט זיין געשריי זייערע מורמעלונגען. און משיח האָט ווייטער גערעדט

„אַלעס גוטע וואָס האָט ניט דעלעבט זיך אויסצולעבן לעבט אין מיר. איך בין געשטאַנען ביי יעדן קבר פון ווייסן בית־עולם פון טאָג. און פון שוואַרצן בית־עולם פון נאַכט. און ניט צוגעלאָזט מ׳זאָל ברענגען צו קבורה דאָס ניט דערלעבטע.

דעם ניצוץ פון יעדן בן־אדם וואָס איז ניט געקומען צו אַ תיקון, האָב איך ניט צוגעלאָזט די ערד זאָל צו דעקן און דערשטיקן.

איך האָב אַלע די געראַטעוועטע געטליכע פונקן אין מיר איינגעזאַמלט, און אַ גרויס אונאומלעשבאַרער פייער ברענט אין מיר.

יעדער עקרה וואָס איז אין קבר אַריין אַן איר אויסגעבעטן, אויסגעבענקט קינד לעבט אין מיר.

יעדער ליבע וואָס איז געשטאָרבן פאַר דער צייט טראָג איך אין מיר. איך בין דער יורש פון לעבן און דאָס לעבן בין איך געקומען איך מאַכן אַרבן.

וואָס גרעסער דער צדיק אַלס מער האָט ער זיך אויסגעלעבט און מיר אַלעס ווייניקער ירושה געלאָזט אָבער פון רשע האָב איך געאַרבט זיין גאַנץ ניט אויסגעלעבט רייכטום. און מיט זיין ירושה בין איך געוואָרן געזאַלבט איך צו זאַלבן.

ניט אַלע האָבן פאַרשטאַנען משיחס רייד. אָבער די וואָס האַלטן די שטראַלענע לייצעס פון דער מעשה־מרכבה פון פראַגרעס אין זייערע הענט, די האָבן פאַרשטאַנען און זיינען געוואָרן באַרואיקט.

(המשך קומט)

# אַ מעת־לעת אין טויטן באַראַק

(פראַגמענט פון אַ שילדערונג פון דעם „5־טן בלאָק" אין שטוטהאָף)

אין דרויסן איז די לופט געווען אַ לויטערע און אַ דורכגעוואַשענע פון שנייאיקע זאַווערוכעס. ס׳האָט געהערשט אַזאַ פאַרבאַרגענע שטילקייט, ווי קיין מענטשלעכע פיאַטע וואָלט דאָ קיינמאָל ניט דערגרייכט.

אינווייניק אין באַראַק איז די לופט אַ פייכטע ווי אין אַ באָד. ס׳הערשט אַ געדיכטע פינסטערניש. נאָר אַ שמאָלער פאַס פון טונקעלן פרימאָרגן הימל וואַרפט ליכטיקע שטרייפן, טוט ווי אַ צאַנקנדיק לעמפל באַלויכטן דאָס גוססדיקע לעבן. אָן די נאַסע ליידיקע ווענט שפּיגלען זיך שאָטנס ווי אויף אַ לייוונט פון אַ גרויסן קינאָמאַטאָגראַף.

ביטערע קרעכצן, הילפלאָזע, רירנדע קולות, וואָס פאַרטראָגן זיך פון דעם דאָזיקן גיהנום מאַכן אויפציטערן די ווענט.

פון די קאַשמאַרע משונהדיקע מיש־מאַש־קולות הערט זיך אַרויס אָן אײלנדיק געזעגענען זיך פון צווי שוועסטער, וואָס ליגן אויפן דיל אַרומגענומענערהייט, — ווי זיי וואָלטן נאָכמאָל זיך דערווייטערט אין צווי באַזונדערע ריכטונגען.

מיט האַרצרייסנדע שטימעס פול מיט ליבשאַפט און ווייטיק מינטערן זיי זיך רופנדיק ביי די נעמען: שרהלע?

— וואָס ,לאהלע?

— לאָמיר זיך געזעגענען! דו זעסט דאָך, דער גרויליקער טויט וואַרט אויף אונדז צוקאַפּנס און דאָס האַרץ קלאַפּט וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער.

מיט ווערטער אָפּגעהאַקטע אָבער ווי מעסערס שאַרפע, רופט לאה׳לע אויס מיט איר געבראָכענער שטימע:

באַלד וועלן מיר זיך ווידער באַגעגענען און בלייבן שוין אויף אייביק צוזאַמען מיט אונדזערע נאָענטסטע און ליבסטע אויפן עולם האמת.

שטילער קרעכץ ווי פון סטרונעס, וואָס וועלן באַלד פּלאַצן, רייסן זיך אַרויס פון זייערע כאָרכלדיקע העלדזער, הענט גלעט, קנאָכיקע צערטלען זיך, טוליען זיך. . . .

זיי וויינען שוין ניט מער. אויסגעטריקנט געווין אָן טרערן... זיי פאַרשטייען זיך מיט די לעצטע בליקן. יעדע ווילע ברויזט אויף אָן אָפּגעהאַקטער וויי. לאה׳לעס אויגן באַקומען אַ מאָדנעם גלאַנץ, הויבן אָן פינקלען ווי שטערן און ווערן גלייך צוריק אויסגעלאָשן אויף אייביק. שרה׳לע פּרוּווט איר מונטערן. מער ווי קושן קען זי איר ניט שענקען. — זי פאַרמאָגט ניט מער. זי פרוּווט איר דערוואַרעמען מיט איר אייגענעם לייב. אָבער איר לייב קילט אויך שוין מיט טויטן גליווער.

— העלפט מיר! העלפט מיר!

קיינער דערהערט ניט איר רוף: זי טרעפט זיך אָן אויף סאַמע גלייכגיל־



טיקע שטאַרע בליקן.

— ברוך דיין אמת — רופט זי אויס מיט געפיל פון לינדערונג. איר שטים ווערט אויך איבערגעריסן. ס׳צאַנקען אויס אירע בליקן ווי ליכטלעך. צו איר יונג סקעלעטן־פּנים, וואָס איז מחמת פון גרויזאַמען הונגער באַוואַקסן געוואָרן מיט אַ ווייס־האַריקן מאָך און וועלכעס דערמאָנט אָן אַ געשענדעטע צעטראָטענע רויז — האָבן די ווערים באַקומען אַ שליטה. אויפן אויבערשטן טייל פון קינבאַקן, האָבן זיך באַוויזן קופּעס לייז. ווי אויף אַ בערגל צווישן טאָלן וואו די גראָזן וואַקסן אויס העכער און זאַמלדיקער. אַ דריבנער און לאַנגזאַמער שניי, וואָס יאָגט דורך דעם אויפגעפּראַלטן פענצטער, פאַלט ווי אַ זאַלבונג אויף די דורשטיקע ליפּן, וואָס באַוועגן זיך מעכאַניש און זאַפּן איין די פרישקייט פון דער לופט. אויגן לעכער מאַכן זיך אויף און צו. גופים קורטשען זיך צונויף אין איין קנויל מחמת זיי ווילן זיך דערוואַרעמען. ווידער טויכט אויף אַ ביטער געיאָמער:

אָך און וויי איז מיר... מיינע פאַרוויטיקטע הענט... מיינע פאַרוואונדעטע גלידער... יעדער בעט זיך רחמים, פון יעדנס מויל אַ וויי. . . .

דערשטיקן די קולות און איבעררייסן די יסורים טוט מאַרישאַ מיט איר אייזערנער שפּיצרוט.

אַ זאַווערוכע־ווינט, וואָס רייסט זיך אַריין פון דרויסן, שליידערט אַראָפּ די סטרעמפּעס־דעקעס פון די צוגעטולייעטע גלידער. ס׳אַנטפּלעקן זיך גופים מיט איינגעפאַלענע בייכער ווי די שיסלען. פון די ברוסט־קאַסטנס שיינען אַרויס טרוקענע, גלאַנציקע קנאָכנס איינע נאָך די אַנדערע ווי קלאַווישן פון אַ האַרמאָניע. מאָגערע קניען וואָס דערמאָנען אַ דינינקן קניפּ, בינדן צונויף די שפּענדלעך־ פיס מיטן אויבערטייל.

געוויין־פּישטשעריי ווי פון שוואַלבן, געמישט מיט גסיסה־כאָרכלען גיסן זיך צונויף אין אַ טויטן־סימפאָניע, אַ שטימע פון אַ קינד מיט אָן איכה־ניגון, וואָס באַוויינט איר פאַרשטאָרבענער מוטער שלאָגט זיך אַדורך דעם ווילדן טומל:

— מאַמינקע! מאַמינקע! וואָס וועל איך זאָגן דעם טאַטעלו, וואו האָב איך אַהינגעטאָן מיין טייערע מאַמעלו?. . . .

מיט טרייסט־ווערטער רייסט איר איבער אַ שעפּטשענדיק קול:

— וויין נישט טאָכטערשי! אומזיסט דיינע טרערן; דו וועסט ניט דערזאָגן. איך וועל ניט דערזאָגן און דיין טאַטעלו וועט אויך קיינער ניט באַקלאָגן...

איינע כאַפּט זיך אויף פון הינערפלעט, קוקט זיך אַרום און טאַפּט מיט די הענט; זי דערפילט אַרום זיך אַ טויטן אַוויר. אַלע „שכנים" אַרום איר האָבן שוין געהאַט אויסגעהויכט די נשמות, וואַרפט זי אין אָנמאַכט דעם קאָפּ אירן אין צאַנקענדיקן אויסגיין. אירע ליפּן שעפּטשען אַ קרעכצנדיק גלויביק געבעט:

— גאָט פון אברהם, פון יצחק און יעקב, וואָס דו האָסט נישט געהיט, נישט געשיצט דיין פאָלק ישראל און געלאָזט אים אומברענגען ביז צום קלענסטן עופהלע — באַוויז זיך כאָטש אין די לעצטע מינוטן מיט נקמה. . . .

יצחק ווינער (עסטרייך)

## צום טאָג פון מיין געבוירן

היינט איז טאָג פון מיין געבוירן
דריי און דרייסיק יאָר פאַריבער:
שוועבן שאָטנס פאַר די אויגן —
אויפגעטויכטע פון די גריבער....

שוועבן שאָטנס שוואַרצע, גרויע,
אויגן אָפענע פאַרגלייזטע,
כאָטש איך ווייס נישט, ווער ז׳געקומען —
זייט איר מיינע געסט געטרייסטע...

זעצט זיך אויס אַרום די טישן,
נעמט צו ביסלעך משקה ברידער,
ס׳איז היינט טאָג פון מיין געבוירן —
זאָל מען טאַנצן, זינגען לידער...
— — — — — — — — — —

שטערן האָבן זיך געצונדן,
איך — געעפנט כ׳האָב די אויגן...
אַרום די טישן ווייס־געדעקטע —
זיצן ייִדן אַנגעבויגן...

שטעלט זיך פלוצים אויף דער עלטסטער
האַלט אין האַנט אַ פולן בעכער,
און די ציטערדיקע ליפן
שטרענגט ער אָן צו רעדן העכער:

— כ׳בין מיין זון אַהערגעקומען
דיך צו בענטשן מיט אַ בענטשונג:
זאָלסט אויף אייביק זיין באַפרייט שוין
פון דער שרעק — וואָס הייסט אַשוויענטשים...

און עס שטעלט זיך גיך אַ פרוי אויף,
האַלט דעם קאָפּ צו מיר געבויגן,
כ׳הער איר קול און כ׳זע ווי ס׳פינקלען
גרויסע טרערן נ׳אירע אויגן...

— כ׳בין געקומען זון מיין ליבער
צו דיין יום־טוב דיך באַגריסן,
כ׳טו ביי גאָט פאַר דיינעטוועגן
טרערן — יעדן טאָג פאַרגיסן...



נאָר צו דיר כ׳האָב אַ בקשה,
וואָס געשען — זאָלסט נישט פאַרגעסן!...
אַלס דערמאָנונג און אַלס אָנדענק
דעם נר־תּמיד — נישט פאַרלעשן!

באַלד נאָך איר — וואַקסט אויס אַ צווייטע,
האַלט אַ בוך אין אויפגעעפנטס:
— געדענקסט כ׳האָב שרייבן דיך געלערנט? —
נו, פּרוביר מיין נאָמען טרעפן!...

— כ׳בין דיין לערערין געוועזן
קינדער ייִדישע דערצויגן — — —
און דערפאַר מיר — האָבן נאַצים
אויסגעשטאָכן בײדע אויגן.

און אַ ייִנגעלע, אַ קליינער,
קען דעם טיש נאָך נישט דערגרייכן,
וויל ער אויכעט מיר — וואָס זאָגן —
הייבט זיין הענטל פאַר אַ צייכן...

— האָסט געלאָזט אונדז דאָן אויף הפקר
דו פון שונא ביסט אַנטלאָפן...
זיי־זשע היינט כאָטש אונזער מאָנער —
נעם נקמה, העלף באַשטראָפן!...

אויפגעשטעלט זיך האָבן אַלע
פאַר די הענט זיך אָנגענומען,
און אַרום דעם טיש צעטענצלט
מיט אַ נגונ׳דל אַ פרומען.

טאַנצט מיין מאַמע, טאַנצט מיין טאַטע,
טאַנצן מיינע שוועסטער, ברידער;
טאַנצן קרובים, טאַנצן שכנים —
טאַנצט דער טויט מיט אַלע גלידער.

און די פיס — זיי טופען, טופען,
ווי אין טויטן־מאַרש געטריבן...
— — — — — — — — — —
— — — — — — — — — —
אויפגעוועקט מיך פונעם דרימל —
און אַליין אין שטוב געבליבן — — —

בינדערמיכל, סעפּטעמבער 1947.

## אפרים טויבענהויז (הדר הכרמל, חיפה)

# אין דער הייליקער שטאָדט פון די מקובלים

**אַ קאַפּיטל פון בוך „תולדות בית טויבענהויז״, אַ ביאָגראַפישער ראָמאַן פונם מאלער פון דער באַרימטער משפחה פון דערפינדער און געלערנטע אין ארץ ישראל.**

די שמאָלע געסלעך פון דער הייליגער שטאָדט צפת זענען איינגעשלייערט געווען אין אַ וואַרימע שטילקייט פון אַ תמוז־נאַכט. אַ בלויער הימל מיט מיליאָנען שטערן האָט געוואַרט שטיל מיט הייליגן ציטער איבער צפת. און אַ זיבערנע לבנה האָט צוגעגעבן אַ פאַרבאָרגענעם רייץ צום געבירג פון גליל.

מאיר׳ל, וואָס איז געקומען אהער פון ירושלים, האָט זיך דאָ געפילט ווי אין אן אנדער וועלט, אַ וועלט פון סודות און פאַרבאָרגענישן. אים האָט געלאָקט דער פאַרבאָרגענער קרייז פון די קבלה־לייט, אַריינדרינגען אין „פרדס־ח״ן״, זוכן אן ענטפער אויפן סוד פון לעבן, הויך זענען די האָריזאָנטן און טיף זענען די סודות. ער, מאיר׳ל, וועט זיך פאַרטיפן אין די קוואַלן פון לעבן, ביז׳ן אָפּגרונט פון דער וועלט וועט ער דערגיין.

אָט אזוי האָט מאיר׳ל געוואַנדערט איבער די בערג פון צפת, די בערג האָבן פונקט ווי ער געבענקט נאָך געטלעכער דערגרייכונג. פון די בערג האָבן אין דער לבנה־נאַכט אויפגעבליצט געשטאַלטן, געשטאַלטן פון ווייטן עבר. אָט דוכט זיך מאיר׳לען, אז דער אר״י הקדוש שפּאַצירט מיט זיינע תלמידים אין די בערג פון גליל; איבער א געדרייטע סטעזשקע אַנטפּלעקט זיך פּלוצלונג ר׳ יוסף דילה ריינה, ער פלעגט דאָך דאָ פאַרצייטנס ארומגיין און געוואָלט ברענגען די גאולה פאַר יידן.

מאיר׳לס אויגן בלאָנדזשען אין פאַר׳חלומ׳טע וועלטן, דאָס הארץ בענקט נאָך אַ געטלעך וואָרט, מיט׳ן הארץ, מיט׳ן מוח איז ער אָפּגעשיידט פון דער ערדישער וועלט. די גלילער בערג פאַרכישופן דעם ארום. ער האָט גאָרנישט געפילט, ווי פון דער זייט איז אים אנטקעגן געקומען זיין חבר יחיאל, דער עלוי פון דער ישיבה פון וואָלאָזשין. אָט דער חבר זיינער איז אויך געקומען קיין צפת זיך צו פאַרטיפן אין דער לערע פון קבלה.

מאיר׳ל האָט דערפילט אויפן אַקסל זיין חבר׳ס האַנט־באַריר. ער איז ווי אויפגעוועקט געוואָרן פון אַ חלום: — גוט וואָס דו ביסט געקומען, יחיאל — האָט זיך מאיר׳ל צו אים אויסגעדרייט. — איך האָב שוין געוואָלט מיט דיר פון לאַנג זיך אויסשמועסן, מ׳זעט דיר גאָרנישט לעצטנס.

— איך בין אויך ווי דו, מאיר׳ל, פאַרטאָן אין די עולמות העליונים.

מאיר׳ל האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד. ער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט ליב אַ צפת׳ער מיידעל. זי איז נישט סתם קיין פשוטע מיידעל, זי איז פון בעל־שם־טוב׳ס יחוס. ער האָט זיך פאַרטרויט פאַרן חבר פון זיין האַרץ־בענקעניש נאָך דער דאָזיקער מיידעל.



יחיאל האָט אים געענטפערט, אַז דורך ליבע וועלן מיר קומען צום וועלטישן יום־טוב, ביז מיר וועלן דאָס דערגרייכן דאַרף דאָס האַרץ זיך גענוג לייטערן.

— דאָס האַרץ לייטערט זיך, טייערער חבר — האָט מאיר׳ל אים געענטפערט — ווען איך קום צו אירע עלטערן אין שטוב, לייכטן אויף מיר דעם מיידעלס בלויע אויגן, ווי די לויטערע הימלען, איר שטימע, איר געלעכטער פאַרשיכורט מיר. די עלטערן ווילן איך זאָל שרייבן „תנאים״. איך האָב באַשלאָסן, יחיאל, ווען איך קום דעם אנדערן מאָל פון ירושלים וועל איך מיט מזל שרייבן „תנאים״. — זאָל זיין מיט גאָט׳ס הילף! — האָט יחיאל אים געוואונטשן.

מאיר׳ל האָט שוין פון לאַנג „תנאים״ געשריבן, אין אים האָט געזונגען אַ פאַרבאָרגענער ניגון. מיט אמאָל האָט זיך אין זיין האַרצן נאָך מער צובליט אַ הייסער באַגער, אַ שטאַרקע ליבשאַפט האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ וועזן. זיין יונג בלוט האָט געפאַליעט מיט פאַרלאַנגען. די סודות און רעטענישן פון קבלה זענען איצט פאַר אים נאָך מער קלאָרער געוואָרן: — דאַרפסט נאָר, זינדיגער מענטש, אַנקלאַפּן אין די שערי־שמים — האָט מאיר׳ס מוח געאַרבייט — די טויערן פון הימל זענען נישט פאַרשלאָסן! די גאַנצע וועלט איז איין גרויסע חתונה — האָט ער ווייטער געצויגן דעם רעיון — דאָס ליכט אַנטפּלעקט זיך ביז אין סוף. אין יעדן באַשאַף פון דער ערד האָט מאָר׳ל געזען געטלעכעס, דעם שם המפורש.

אַז מאיר׳ל איז געקומען אין ירושלים פאַרזעצן זיין לערנען, האָט ער שטאַרק געבענקט נאָך זיין באַשערטער כלה, עס האָט אים ווידער געצויגן קיין צפת, אין שטאָט פון מקובלים. די טעג אין ירושלים זענען געווען קאַלטע, פאַרוואָלקנטע הימלען. עס האָבן געבלאָזן קאַלטע צפון־ווינטען. און איינמאָל גייענדיק צו תפילת שחרית, האָט אָנגעהויבן פאַלן אַ שניי. מאיר׳ל האָט גראַד נישט געפילט קיין קעלט — נאָר אַ וואַרעמקייט האָט ארומגענומען זיין גוף. ער האָט געדאַוונט מיט ברען, מיט אינעווייניקסטן פייער. אין אים האָט אויסגעשפּילט די פּליים פון ליבע, דאָס געזאַנג פון די מקובלים.

אַז מאיר׳ל איז ארויס פון דאַווענען, האָט דער שניי ראַשיגער גענומען פאַלן, אַ ציכטיגע ווייסקייט האָט איינגעדעקט די הייזער, די גאַסן, דער שניי האָט זיך געשאָטן ווי ווייסע פעדערן. מאיר׳ל האָט זיך געלאָזט אין ווייסן שניי צום יפו׳ער טויער. די פאַרבייגייענדיקע מענטשן האָבן זיך געקוויקט פון דער מחיה׳דיקער קעלט אין דעם פרימאָרגן.

— שלום, מאיר! — האָט אויסגעשריגן אנטקעגן אים דער בוכאַרער סוחר, יהודה אלשוואלי. ער האָט זיך געריבן די הענט פאַר שמחה: — האַ, וואָס זאָגסטו צום שניי? ביי אונז אין בוכאַרא איז דער שניי אַן אָפטער גאַסט — האָט דער סוחר זיך געאיילט צו זיין קלייט אין אלט־שטאָט.

מאיר האָט כמעט נישט געהערט וואָס דער בוכאַרער איז אזוי מלא שמחה פון ערשטן שניי אין ירושלים. ער האָט גאָר געקלערט פון רבי׳ן, צו וועלכן

ער גייט איצט, דער כאסלאוויטשער רב איז תמיד פארטיפט אין זיין לומדות, אין די חיבורים. באַזונדער האָט מאיר׳לען געפרייט דער בריוו וואָס ער האָט אנומלט דערהאלטן פון זיין כלה. די עלטערן ווילן צואיילן די חתונה. עס איז ביי אים געווען געמיש פון געפילן, באַענטע און וואַרעמע.

אז ער איז אַר׳נגעקומען צום רבי׳ן האָט ער אים ווירקלעך געטראָפן זיצן שרייבן אויף גרויסע בויגענס פאפיר, ער שרייבט חידושי תורה.

— שלום, רבי! — האָט מאיר׳ל אַן אָפּגעפרישטער פון שניי אויסגערופן צום כאסלעוויטשער רב.

זיי האָבן זיך ביידע געלאָזט צו דער ישיבה „עץ חיים״. ביידע גייען זיי יעדן פרימאָרגן צום לערנען, דער רבי און דער תלמיד, צוויי חברים זענען זיי, ביידע זענען אריינגעטאָן אין די געטלעכע סודות, אין קיום פון גאָט׳ס וועלט.

די גלחים וואָס גייען פארביי דורך די געסלעך פון אלט־שטאָט רופן ארויס ביי מאיר׳לען מאָדנע געפילן, עס דוכט זיך אים, אז זייערע אויגן זענען פארשטעלט פון בלינדקייט און זען נישט גאָט׳ס ליכט... מאיר׳ל דאנקט דעם השם יתברך, וואָס ער קען אים דינען מיט אַ לויטער הארץ, און לערנען תורה אין „עץ חיים״ וואָס ווערט געפירט פון דעם כאסלאוויטשער רב. דער רבי פירט אים אריין אין ים פון תלמוד, און ער שלינגט פון קוואל מיט התמדה. די האנט — זאָט דער רבי — איז קליין, מער ווי פינף פינגער פאַרמאָגט נישט די האנט, און דאָס פארשטעלט די ליכט פון אין סוף.

אין ישיבה פלעגט זיך מאיר׳ל טרעפן מיט א בחור ניסים יאאיש, אַ יונגער מאן מיט אַ זוניק אָפּגעברענט פנים. ער פלעגט פירן אמעריקאנער טוריסטן אָנצוקוקן די אלטערטימלעכקייטן פון ירושלים. ער פלעגט זיי אויך פירן אין די אראבישע דערפער. זיינע אויגן פלעגן תמיד פינקלען ווען ער פלעגט זיך צורעדן פון די אָפענע פעלדער און גערטנער. — וואָס ווייסט איר, ישיבה־בחורים — פלעגט ער זאָגן — פון אַ לעבן? די שטאָט וועט אייך גאַרנישט באפרידיקן. אין דאָרף דערקענט מען דאָך די ערד פון אונזערע אבות אבותינו.

מאיר׳ל האָט געהאט אינטערעס צום בחורס רייד, ער האָט פארנומען אַ טיפן אמת וואָס טראָגט זיך ארויס פון יענעמס מויל. אין מאיר׳לס אויגן האָט זיך אויסבאהאלטן אַ טיפער צער פאר דאָס פארלאָזטע וויסט־געוואָרענע לאנד פון אונזערע אבות. דאָס פאָלק איז צושפרייט אין גלות, איבער דער ברייטער וועלט, זיי דארפן אהער קומען און ברענגען די גאולה פאר דאָס פארוואָרלאָזטע ארץ ישראל. מאיר׳ל וואָס איז פארליבט געווען אין די הימלישע גייסטיקע ווערטן — פונקט אזוי פארליבט איז ער געווען אין דער טייערער ערד פון ארץ ישראל, וואָס האָט אויסבאהאלטן אין זיך פארבאָרגענע אוצרות און רייכטימער.

און געקומען איז דער מזלדיקער טאָג פון מאיר׳לס חתונה. זיין כלה בת־שבע איז אַ טאָכטער פון אַ זעלטענע חסידישע משפחה, אַן אוראייניקעל פון



בעש״ט, פון דור־דורות צדיקים. אין חב׳דער געסל וואו בת־שבע וואוינט איז איצט אַ יום־טוב׳דיקע באוועגונג. חסידים אויסגעשלייערט אין פארביקע זיידענע כאלאטן מיט שטריימלעך אויף די קעפ, איילן זיך פארשמאַיעטע צו דער חופה, די בערד און פיאות זענען נאָך פייכט פון דער טבילה אין מקוה. מען איילט זיך צו דער גרויסער מצווה. דער זיווג פון מאיר׳לען מיט בת־שבע איז א געראָטענער. די כלה איז אַ בת צדיקים, אליין קען זי לערנען גמרא ווי דער גרעסטער תלמיד־חכם.

בת־שבע האָט געלערנט תורה ביים טאטן, צוגלייך מיט אירע ברידער, זי איז אָבער געווען אַ טרוימערישע מיידעל, זי האָט ליב געהאט צו שפּאַצירן אין די צפת׳ער בערג, זי פלעגט הערן דעם פאסטוכ׳ס פייפל, וואָס פלעגט זאמלען ארום זיך די שאָף — און דאָס האָט איר דערמאָנט די געשיכטע מיטן צדיק ר׳ אייזיק פון קאלעוו, וואָס פלעגט פאשן שאָף אין זיין יוגנט. אז ר׳ לייב שרה׳ס האָט געהערט שפּילן אייזיק׳ס פייפל, האָט ער געגלויבט אז דאָס זענען די מוזיק־טענער וואָס די לוויים האָבן געשפּילט אין בית־המקדש.

בת־שבע האָט געוואָלט, אז אויך איר חתן, מאיר׳ל, וועט אויך זיין דער זעלבער פאסטוך — און אויסוואקסן דערנאָך פאר אַ גרויסן צדיק, אַ פירער פון חסידים.

אין שטוב פון דער כלה איז שוין אַ געדראַנג פון געסט, פארבעטענע פון גאנץ צפת. די ריחות פון געבראָטנס, טראָגט זיך איבער אלע יום־טוב׳דיקע צימערן. אויף די ווייס־געדעקטע טישן שטייען פלאַשן וויין, גראפינקעס יי״ש. די כלה זיצט פארשלייערט אין ווייסנס, ארומגערינגלט מיט גאָטספאָרכטיקע ווייבער. יעדע איינע געפינט פאר איר אַ גוט וואָרט, אַ זיסן שמייכל. מען גרייט זיך צו דער חופה. די צימערן ווערן פולער און אָנגעפראפטער פון פריילעכע געסט.

און אין צווייטן צימער זיצט מאיר׳ל מיט חברותא פון טאטן, פון משפחה־לייט. די מחותנים לויפן אריין און ארויס, מען שטעלט אויעק לעקעכער אויפן טיש, קוישן מיט טייטלען און פייגן. עס זיצן ארום טיש פאָרדבקה׳טע מקובלים, די מוחות זענען פארטיפט אין די סודות פון לעבן.

אָט פירט מען שוין מאיר׳לען צו „באדעקענס״, מען פירט אים דערנאָך צו דער חופה אונטער דער באגלייטונג פון פידלען און פויקן.

* * * * *

די ערשטע טעג נאָך דער חתונה האָט מאיר׳ל זיך געזען ווי אַ ניי־געבוירענער. זיין יונגע ווייב בת־שבע האָט אים געברענגט גליק און פרייד. ער האָט זיך איבערגעגעבן מיט מער פלייס צום לערנען, ער איז ווי געשוואומען אין ים פון תורה. ער איז געזעסן אין בית־המדרש און געשלונגען בלאט נאָך בלאט פון די קבלה־ספרים. ער האָט ממש געקענט אויף אויסנווייניק די סתרי־תורה פון האר״י הקדוש און פון חרמ״ק. טיילמאָל פלעגט ער פאר מידקייט פארמאכן די אויגן — און פאר זיינע פארמאכטע אויגן פלעגן אויפבליצן אותיות פון די הייליקע ספרים, די אותיות פלעגן דורכפליען שטומע, אָן קלאנגען.

מאיר׳ל פלעגט זיך אמאָל באפרייען פון בית־המדרש. ער איז געגאַנגען איבער די געדרייטע צפת׳ער גאַסן, די מחשבות האָבן ביי אים נישט אויפגע־הערט צו ארבייטן, די אויגן האָבן נאָכגעקוקט די מענטשן, די אראבישע הענדלער. אָט שטייט דאָרט אין ווינקל־גאַס דער עקזאלטירטער וואנזיניקער אראבער און ער שפילט אויף זיין פידל, ער שרייט אז מוחמד האָט זיך ווידער באוויזן אין מעקא. ער שפילט אויס די בשורה פון זיין אַנקום. די פידל פי־בערט אין זיינע ציטערדיקע הענט.

אז ער איז אריינגעקומען צו זיך אין שטוב איז אים אנטקעגן געקומען בת־שבע מיט צעשטראַלטע אויגן, זי האָט אים אוועקגעשטעלט מיט נחת דאָס עסן אויפן טיש און דערציילט האָט ער איר וואָס ער האָט געזען אין גאַס. ער פלעגט איך איבערגעבן זיין וויב דאָס וואָס ער האָט מחדש געווען אין דער מחשבה, אויסגעפונען האָט ער אַן אייגענעם פירוש אויף אַ מימרא פון אר״י הקדוש. — בכלל — זאָגט ער איר — אַנטפּלעקט זיך פאַר אים נייע רעיונות, און אז ער דערציילט דאָס פאַרן ראש־ישיבה — זאָגט אים יענער, אז דאָס האָט נאָך ביז אים קיין בר־נש נישט ארויסגעברענגט אויפן רעיון.

מאיר׳ל האָט זיך פאַרטרויט פאַר בת־שבע׳ן, אַז ער האָט אָנגעהויבן טראַכטען אז מיר יידן האָבן באדאַרפט אויפלעבן דאָס וויסט־געוואָרענע ארץ ישראל.

בת־שבע וואָס איז געווען בקי אין תורה און האָט גוט געדענקט דעם זיידנ׳ס דרוש — זאָגט זי פאַר מאיר׳לען: „אונזער ארץ ישראל וועט ווערן אַ ישוב נאָר פאַרן פאָלק ישראל״ — און ר׳ לוי יצחק פון באַרדיטשעוו — גיט זי ווייטער צו — פלעגט זאָגן: „אז ווען אונזער פאָלק ישראל איז פאַר־וואָגעלט געוואָרן פון הייליקן לאנד — און אפילו עס וואוינען היינט צו טאָג דאָ אנדערע פעלקער, — ווערט עס סיי ווי פארוועכנט ווי אַ מדבר״.

מאיר׳ל האָט זיך אָנגעהויבן ארומטראָגן מיטן געדאַנק פון „שבו בנים לגבולם״, מען דאַרף זען אויפלעבן אונזער וויסט־געוואָרענע לאנד. עס האָבן זיך אָנגעהויבן באוויזן גרים, געוועזענע קריסטן, אמעריקאַנער, זיי האָבן אָפּ־געקויפט שטיקער ערד און זיך דאָרט באזעצט. זיי האָבן אפילו אויסגענוצט די ערד, וואָס משה מאָנטעפיאָרי האָט איינגעקויפט ביי די טערקען. מאיר׳ל האָט זיך דערמאָנט אין די רייד פון כאסלאוויטשער רב: ס׳איז סימנים פון ביאת המשיח — יידן וועלן זיך אומקערן פון גלות און וועלן אויף דאָס ניי אויפבויען אונזער ארץ ישראל.

אָט אזוי האָט מאיר׳ל געשטיגן אויפן לייטער פון לעבנס־דערקענטעניש, ער איז אלעמאָל באַרייכערט געוואָרן מיט מערערע באגריפן און געדאַנקען. אין ישיבה האָט ער זיך אָנגעהויבן באקענען מיט השכלה־ביכער וואָס זענען דאָ אין צפת מגולגל געוואָרן פון די מערב אייראָפּעאישע לענדער. די ביכער האָבן אים געריצט און צוגלייכערצייט ווי געשראָקן, טאָמער וועט ער גע־שטרויכלט ווערן אין וועג פון תורה און דת. ער איז אָבער נישט געווען לייכט־זיניק אָנגעשטעקט צו ווערן אויף שלעכטס, — להיפך, עס האָט אים געגעבן



כוח און אויסדויער אָפּצוהיטן אין זיך די אמונה און מאָראַל.

איינמאָל האָט מאיר׳ל געקריגן צו לייענען דעם „מורה נבוכי הזמן״ פון ר׳ נחמן קראָכמאַל. דאָס בוך האָט ביי אים ארויסגערופן אַ גרויסן רושם. אַ וועלט פון נייע באַגריפן האָט זיך פאַר אים אָנטפּלעקט. פּראָבלעמען און פּראַגן וואָס זענען פאַר אים ביז איצט אזוי פרעמד געווען.

אָט אזוי איז מאיר׳ל אריינגעצויגן געוואָרן נישט ווילנדיק אין דער וועלט פון השכלה. ער האָט אָנגעהויבן לייענען די ווערק פון פּרץ סמאָלענסקין „התועה בדרכי החיים״. ער האָט לכתחילה געוואָלט אויסמיידן צו דערציילן פאַר זיין בת־שבע׳ן, אז די השכלה־ביכער ברענגען אים אריין ספקות אין לעבן, און עפּעס קוקט ער אויף אַלץ און אַלעמען מיט אנדערע אויגן. די שטאָט צפת מיט אירע מענטשן און מקובלים זענען פאַר אים געוואָרן ענג. ער האָט סוף כל סוף זיך פאַרטרויט פאַר בת־שבע׳ן וואָס ער לעבט דורך. ער איז באַרייכערט געוואָרן מיט אנדערע באגריפן, ער זעט נישט קיין צוועק אין זיין ביז־איצטיקן לעבן. עס ווילט זיך אים דערווייטערן פון דאַנען — און אָנ־הייבן אַן אנדער לעבן, אַ פּראָדוקטיוו לעבן, ממשותדיקע ארבייט, ארויסצו־ברענגען דאָס געבענטשסטע פרוכט פון דער ערד, צו אנטדעקן די אוצרות פון דער פאַרהוילענער ערד.

## א. נ. שטענצל

כ׳וועל דאָס שלעכטס פון דער ערד נישט צעשטערן,
ווייל אַזוי געוואַלדיק, אַזוי גרויס,
איז לאָז מיך צונויפזאַמלען דאָס גוטע,
ווייל ס׳איז דאָך אַ קליין ביסעלע בלויז.

דאָס שלעכטס וויפיל מ׳זאָל׳ס נישט צעשטערן,
עס צו פאַרמערן מען העלפט נאָר צו — — —
עס מיינען דאָך אַלע צעשטערער נאָר
דאָס בייזע אויסמעקן — פונקט ווי דו..

און פולער ווערט ערד מיט שלעכטס און מיט בייז,
אַ פול אויג אָנגעגאָסן מיט האַס,
אַז פאַר טראָפּעלע גוטס, וואָס קוים דאָ נאָך״,
אויף גאַנצער ערד נישטאָ שוין קיין פּלאַץ.

איז לאָז מיך צונויפזאַמלען דאָס גוטע,
ווייל ס׳איז דאָך אַ קליין ביסעלע קוים;
קוים אַ מענטשס האַרץ דערמיט אָנצופולן,
וואַכערהייט אַ חלומדיקן טרוים;

אַ זייפן־בלעזל, אַ טראָפּנדל קליין —
פון אויג אַ פֿאַלנדיקע טרער די גרויס!
וואָרים דאָס אומגליק פון דער גאָרער וועלט
אויסטראָגן עס קאָן אַ מאַמעס שויס....

## קליין ליבע-ליד אין דריי טיילן

(פֿאַר ע. דעצעמבער 24)

I

מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, שווער־אָטעמדיק,
באַטאַפּ איך פון דיין לייב יעדעס גליד —
אַ סגי־נהור, מיט שמייכל איבער ליפּ,,
לייענט אין בלינד־שריפט ס׳שיר השירים־ליד.

דעם בליאַסק פון דיינע בליקן גלעטנדיק,
ווערן מיינע ליפּן אַזוי שטיל:
הער איך דען נישט אינם קלאַפּ פון דיין האַרץ,
אַז געניי שוין דו ווייסט וואָס איך וויל?

II

פון דיינע פולע ברוסטן גייט עס אויף,
פון אָפענער האַרבסט־ערד אַזוי האַרב:
מיט אָרעמס פעסט אַרומגענומענע,
צום דרעשן געבונדן, גאַרב צו גאַרב.

שוין האַלט איך דיך לייבהאַפטיק אין די הענט
אַן אויפגעבראָכענעם לאַבן־ברויט — —
ווי עס זעטיקט מיך און ווי עס שטאַרקט מיך,
מיט שטאַרקערס פון נקמה און טויט.

III

ווי קורץ איז ס׳לעבן, ווי אָרעם זינדיק —
אין בלינדער נאַכט פאַרבלאָנקטע פרוי!
נאָר פון דער שטילקייט אויף דיין אויבער ליפּ
לייען איך אַראָפּ איצט אַזוי געניי:

אייביק איז דאָס ליד און אייביק דער מענטש,
ווי דער ריח פון ערד דער דופט פון לייב,
און ווי פאַרדאַרשטיקטע אינדן ביים קוואַל,
דאָס באַגעגעניש פון מאַן און ווייב.



## הערשן

(קליינע באַלאַדע)

איז עס דאָס גלוסטעניש פון לייב צו לייב,
פון זיינע נאַזדרעס דער היציקער ניוך,
צי גאָר דאָס תאוהדיקע בלוט־געשמעק?
איז דער פרייד־אויפברויז דאָס באַהעפטן זיך,
צי דאָס פאַרטרייבן יענעם אָוועק?

ווען צווישן שטייפן פאַרשנייטן געצוויג
עס יאָגט־זיך נאָך דער הערשעכע דער הערש,
ציטערן־אויף די וועלדער פאַר שרעק:
אונטער די הערנער קנאַקן די ביימער,
ווי אונטער הילך פון געשאַרפטע העק!

ס׳פרירט אין לופט אַ פלינק־לויפנדיקער דעך —
פון פיילנבויגן פליענדיקער פייל,
געצילט אָפגעשנעלט — צו וואָס־ווענמס צוועק!
אין ווייסער וויסטער וועלט זיין ווילדער לויף,
געצויגענער שליאַד פון העק צו העק — — —

פון וועלכער זייט וועט קומען דער צווייטער?
בליקט בלאָנקענדיק אַרום די הערשעכע,
מיט איר סליניק אומשולדיק געלעק:
אויפגעשטאָכן שוין אויף יענעמס הערנער,
איז מולד אויבן דער בלוטיקער פלעק — — —

נאָר ווען אין טונקעל געדיכטעניש וואַלד
די מאַמע הערשעכע ציט אויס איר קאָפּ,
האָרכנדיק הינטער זיך אַ געמעק,
דעם סוד פונם לעבן זי טראָגט אין זיך,
אין אירע צוויי געפילטע מילך־זעק.

## נישט א מוזע מער

נישט קיין פאַרשלייערטע אין בין השמשות שעה,
נישט קיין נאַקעט־אַנטבלויזטע נאָך האַלבער נאַכט,
נישט שאַריען־בליקן גרויס־אויפגעריסענע,
צי נביאה־וויעס גאָר וואַלקנדיק פאַרמאַכט:

ניט אין אַטלעס און זייד מיט פּערל באַהאַנגען,
ניט אין כלה־שלייער מיט פאָכער אין האַנט,
ניט קאַקטע מיט רויטער רויז אין פריזור,
צי מיט טשיפּעק גאָר אויף פרומען שטערנבאַנד;

ניט אַ מוזע מער שטייט מיר צוקאָפּנס אַצינד,
מיט פליסטערל שטיל וועקנדיק מיך פון שלאָף,
אַ מוז באַפאַלט מיך — אַ וואָלף מיט בייזע בליקן
אויף פינסטערן פעלד אַ פאַרבלאָנקעטן שאָף.

ווילדער געבלענד אַרום מיר, שווּעבלדיק, סוואָנדיק
און בליציקע בליקן אין וויוגע־געלויף;
אַזאַ שרעקלעכע ליכטיקייט און ווייס געבלאָסק —
אַ פּיסק מיט ציינער רייסט זיך איבער מיר אויף!

ער פרעסט מיך אויף אַ צעריסענעם אין שטיקער!!
מיין בלוט־געזשלאָקע, געקנאַק פון מיין געביין
איז דאָס געסלינע געגראַם פון מיינע לידער;
דער ריטם — געגריזשע פון וועלפישע ציין.

ניט אַ מוזע מער, מיט שטילן ליפּן־טוליע,
קושט מיר די נאַכט־שרעק פון די אויגן אַרויס,
און מיין ליד, אַ שטאַמלדיק ציענדיק קינד,
זיך שטרעקנדיק אין וואַרעמער מאַמע שויס —

אין כתונת־פּסים־העמדל, אין בלוט געטונקען,
געבליבן נאָכן פאַרצוק פון מיין געביין,
פריוון זיך נאָך מאַנכע לידער איינצווויקלען,,
אין דער זיידענער פאַרביקייט נאָך אַליין. . . .

## מאַנאָלאָג אין שפּיגל מיט אַפּן־אַפּאַריזם

מיין גענגל, מיין גאַנץ געשטעל,
אַ צי מיט מיין ליפּ — באַפעל!
פון מיין גליד נאָר אַ באַוועג,
ווער וואָגט צו שטיין אים אין וועג?
און ערשט דער קוויטש פון מיין קעל!

וויל איך איז ער אַ געוויין,
און אַ לאַך קאָן ער גאָר זיין;
אַ צי אַהין, פלינק אַהער
און אינמיטן פונקט אין קווער —
ס'פּנים האַלב גוט, האַלב געמיין!



אין מיין שטערן יעדער קנייטש —
אַ טיפער קוועטש, אַן אויסטייטש:
עפּעס וויל איך און ס'מוז זיין!
ניט קיין עק פון הינטנדריין —
ס'איז אַ פאָכעדיקע בייטש!

נאָר ווי מען קרימט מיר דאָס נאָך?
צום טויט לאָכן — אוי, אַ בראָך!
און אימשטיינסגעזאָגט פון וועם,
פון דעם נפש אָט פון דעם,
מיט אַן עלנבויגן באָך,

פון אַ שאָטן אויף דער וואַנט!
עס צעטאַנצט אַזש מיין פאַרשטאַנד:
איז ער איך, צי בין איך ער?
איז זי מיין, פון אויג די טרער
וואָס פאַלט מיר איבער דער האַנט?

און אין מיין האַרצן דער טיאַד,
האַרך, מען קרימט אים אויך שוין נאָך!
עס בלייבט אַנדערש ניט צו טון
ווי גאָרנישט צו טאָן — צו רון,
צו געבן דעם לעצטן פאָך — — — —

ניט מיט דער נשמה, ניין,
מיט דער פויסט יענעם אין ציין!
אָ, ניט יענעם דאָס געביס —
דער שפּיגל צעבראָכן איז!
די מאַלפּע איך גאָר אַליין.

וואָרים אויב באמת, ווען
ריכטיק וואָס נאָכמאָכן מ'קען,
אַ סימן ס'ערשטע שוין שלעכט,
געמאַלפּעוועט און אומערט,
צוויי וואָסער טראָפּן סיידן. . . .

דערפאַר אויב מ'מאַכט דיר נאָך: געזן!
דער עיקר: דיינס נאָר דערקען!!
ווען נאָכטון דיר ווער באַגערט,
אַ סימן ערשט דיינס האָט ווערט. . . .
ליכט איז שאָטן פון געברען.

* * *

באַגראָבן דער איז אַ צדיק, און דער וואָס פאַרברענט זיי איז אַ חסיד.

און מען קאָן פאַרשטיין אַז פאַרצייטנס, ווען איינער האָט געוואָלט זיין אַ חסיד, האָט ער זיך אָפּגעשניטן די נעגל און האָט זיי פאַרברענט און איז געוואָרן אַ חסיד. אין די היינטיקע צייטן אָבער, אַז מען וויל ווערן אַ חסיד פראַוועט מען אַ סעודה׳לע און נאָך אַ סעודה׳לע, און ווי עס זעט אויס איז דאָך די גמרא מער צופרידן פון די פאַרצייטיקע, און דעריבער דאַרפט ענק נישט צו פאַרדריסן אַז איך בין נישט צופרידן פון די היינטיקע...

יוסף הלל לעווי

## רבי אמנון

(סוף)

13

ס׳שרייט זיין ווייב און יאָמערט ביטער,
רייסט זיך אויס פון קאָפּ די האָר.
שמע ישראל, דיין גוטער,
ניין, דאָס אַלעס איז ניט וואר!
ווייַן ניט ליב און ערלעך ווייב מיינס
אויף מיין לעבן וואָס פאַרשווינדט,
ווייַן ניט טאָכטער כשר קינד ריינס,
כ׳האָב דאָס אַלעס מיר פאַרדינט.

וויל כהאָב זיך געוואָלט באַזינען,
חס ושלום שיור געפעלט, —
מוז איך דאָ אַצינד אָפּקומען
מיין עברה אויף דער וועלט...
ווייַנט ניט גאָט אין הימל אויבן,
וועט אייך ניט פאַרלאָזן ניין!
וויל איז דעם וואָס שטאַרבט מיט גלויבן,
וויל וועט אים אין גרוב אויך זיין...

און דעם בייזן, ווילדן רשע
וועט אויך שטראָפן גאָט פאַר אייך.
כ׳האָב אַצינד נאָך איין בקשה
זייט זי מיר ממלא גלייך! —
מאָרגן איז דאָך ראש השנה
אויף מיין גרויסן שווערן חטא, —
וויל איך בעטן מיט כונה,
טראָגט אין שול אַריין מיין בעט!...



14

זיין ווייב און זיין טאָכטער זיי האָבן גענומען —
פאַריאושט מיט טרערן, פון ווייטיק פאַרשמאַכט, —
דעם צדיק הגדול דעם הייליקן פרומען,
באַגלייט האָט זיי טרויריק פון כרובים אַ ברומען,
ווען ז׳האָבן אין שול שטיל דאָס בעט זיינס געבראַכט...

אין שול האָט דער חזן מתיקות געזונגען,
און נאָך ניט די מוסף קדושה געזאָגט,
זיין קול ווי אַ גאָלדענע האַרף האָט געקלונגען,
און יעדערן טיף אינעם האַרצן געדרונגען,
ביז ס׳האָט זיך דער עולם צעוויינט און צעקלאָגט.

די שול האָט געשימערט געהיימפול מיט שטראַלן,
וויל ס׳האָט דאָרט דער בורא אַרום שטיל געשוועבט...
צעגאָסן האָט יעטוועדעס האַרץ זיינע קוואַלן,
און פּלוצים איז אַלעמען אָן אימה באַפאַלן,
און ס׳האָט זיך זיין צונג אים צום גומען געקלעבט...

און שטום איז געוואָרן דאָס וויינען און קלאָגן,
ס׳האָט יעדער זיין פּנים פאַרבאָרגן געקוועלט,
און קיינער דערוועגט האָט אַ וואָרט זיך צו זאָגן,
וויל טרויריק און שטיל איז געוואָרן געטראָגן —
אַ בעט און צום עמוד ביים חזן געשטעלט...

און באַלד האָט דערהערט זיך אַ שטימע אַ שטילע —
פון טיפע יסורים און ביטערע נויט:
אַ חזן, האַלט איין אויף אַ רגע דיין תפילה!
איך וויל מיט מיין קראַנקע נשמה די שטילע —
מקדש השם זיין אַצינד פאַרן טויט...

און ס׳האָט זיך געעפנט דער הימל פון אויבן,
און ס׳זענען מלאכים אַריין אין דער שול;
און האָבן געוואָרשט מיט די פליגלען ווי טויבן, —
אַ גרויס ביסטו צדיק, און שטאַרק איז דיין גלויבן,
דיין לעבן געהייליקט עס איז אָן אַ גבול!

די שול איז געוואָרן מיט פחד אַנטשוויגן,
דער צדיק געעפנט די ליפּצן האָט קוים, —
„ובכן לך תעלה קדושה" — זיך וויגן —
גענומען אַ תפילה האָט שטיל מיט אַ ניגון,
פון עפּעס אַ ווייטן פאַראומערטן טרוים...

„ונתנה תוקף" — האָט טרויריק געקלונגען,
וואָס פרום האָט רבי אמנון מיט טרערן געזאָגט...
ווי ס'וואָלט פאַרן טויט זיך אַ מלאך צעזונגען —
אַזוי האָט זיין שטימע מיט נסים געקלונגען,
און איז ווי אַ ווינטל פאַרוועיט אין פאַרטאָג...

און גלייך האָט דערהערט זיך פון טיפער נחמה,
אַ הייליקעס שעפּטשן געמישט מיט געוויין, —
עס האָבן מלאכים דעם צדיקס נשמה
גענומען פאַרציטערט אַ ווייִנענדיק שטומע
געטראָגן אַרויף טיף אין הימל אַריין...

מיט גרויל און מיט ציטער דער בית דין של מעלה
דערפילט האָט דעם הייליקן צדיקס געמיט;
ווייל ער מיט זיין בלוט האָט פאַרענטפערט די שאלה —
בישיבה של מטה, ובישיבה של מעלה, —
פאַרפּיינט צווישן־גויים אין גלות אַ ייד...

און ס'האָבן גענומען די כנפי השכינה
דעם גדולס נשמה מיט איר זיך פאַרהילט, —
אין שטראַלן פון גינגאָלד בריליאַנטענע דינע,
מיט צער און מיט בענקשאַפט אין הימלס מדינה —
דאָס ליד פון דער גלות השכינה געשפּילט...

און גאָט האָט גערופן: אַ אמנון מיין גוטער,
געהייליקט פון אומקום, נסיון און מוט;
יאָ אמנון מיין זון — אַ דו אייביק פאַרבלוטער,
די וועלט פון איר זינד וועט ניט ווערן מער פּטור —
ביז זי וועט ניט וואַשן זיך ריין פון דיין בלוט!...

---

## „דאָס ליד פון דעם יידישן קעלנער אבראם"
## די נייע פּאָעמע פון די דיכטערין חוה ראָזענפּארב

צו באַקומען ביי:

MOSHE OVED, 26 Museum Street, London, W.C.1

— **פּרייז** 5/6 —

ביבליאָטעקן באַקומען דאָס בוך פריי.

---



### י. ראַפּאַפּאָרט (אויסטראַליע)

# די מיסטעריע פון שעפערישן וואָרט

חוה ראָזענפּארב: „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד" און אַנדערע לידער. לאָנדאָן, 1947, 56 ז. אַרויסגעגעבן דורך משה עובד.

אינם פאָרוואָרט צו איר לידער־ביכל „די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד" און אַנדערע לידער, שרייבט חוה ראָזענפּאַרב:

„דעם 8־טן פעברואַר 1940 איז געקומען דער באַפעל פון די נאַציס וועגן געטאָ פאַר יידן פון לאָדז. ס'איז געווען ערב מיין געבורטסטאָג. כ'האָב דע־מאָלט געענדיקט 17 יאָר. אַ פּאָר וואָכן שפּעטער האָב איך שוין געוואַנדערט אין געטאָ, לענגאויס די דראָטן. בעת יענעם שפּאַציר איז אויפגעגאַנגען אין מיר די בענקשאַפט צום געזאַנג... כ'האָב אָנגעשריבן דאָס ערשטע לידל אין געטאָ".

און דאָס, וואָס חוה ראָזענפּארב באַטיטלט די ערשטע לידער־אָפּטיילונג פון איר ביכל („געטאָ־לידער") — „ממעמקים קראתיך ד'..." איז פאַר מיר דער בעסטער באַווייז ווי טיף און זיכער עס איז איר דיכטערישער אינ־סטינקט; „ממעמקים קראתיך ד'" איז נישט נאָר אַ רעליגיעזער אויסגעשריי, — ס'איז דאָ אין אים — ווי אין דער רעליגיע בכלל — אויך דיכטערישער ציטער, פּונקט ווי אין יעדן דיכטערישן אויסגעשריי איז דאָ אויך רעליגיעזער ציטער.

רעליגיע און דיכטונג זענען פאַרקרובה'ט אין אַ סך פּרטים, אָבער באַ־זונדערס מיט דעם, וואָס ביידע קומען זיי ממעמקים, — דער מענטש שרייט אַרויס פון דער טיפעניש פון צער אָדער התלהבות, פון דער טיפעניש פון איינזאַמקייט אָדער פון באַהעפטונגס־געפיל מיט עפּעס גרויסעס און געהיימ־ניספול, וואָס איז ניט דווקא גאָט, אָבער יעדנפאַלס — געטלעך.

די יידישע שרייבער און זשורנאַליסטן, וועלכע האָבן געשטעלט די קלאָץ־קשיות: 1) ווי אַזוי קאָן מען גאָר האָבן אַ לבבות אײנצופּאַסן אונזער גרויסן אומגליק אין גראַמען? 2) צי מעג מען „געניסן" די דאָזיקע „חורבן־לידער"? האָבן בולט באַוויזן, אַז זיי האָבן קיין אָנונג נישט וועגן מהות און דער פונקציע פון דיכטונג: וואָס תהומיקער עס איז די איבערלעבונג, אַלץ מער טוליעט מען זיך צו דער מיסטעריע פון וואָרט זי אויסצולעבן, זי איבערצודרוקן, זי אַריבערצושפּרייזן.

און דערפאַר האָט דאָס דיכטערישע וואָרט אַזוי געבליט — און געטרייסט — אין די געטאָס, אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

און ווי קורץ און שאַרף חוה ראָזענפּארב מאַכט צו נישט די אויבנדער־מאַנטע קלאָץ־קשיות (אַ גאַנצע ליטעראַטור איז שוין דאָ וועגן זיי): ביים ערשטן שפּאַציר אירן לענגאויס די געטאָ־דראָטן איז אויפגעגאַנגען אין איר „די בענקשאַפט צום געזאַנג".

בלייבט דען עפּעס אַנדערש איבער ווי דאָס געבעט אין האַרץ
און איז עס דען נישט שטאַרקער ווי די קללה פון מויל ?
קלאַפּט עס דאָך נאָך, ווען די ליפּ באַוועגט זיך שוין נישט מער,
און פאַרלאָשן דער אָרום מיט זיין גורל און גרויל.

און אַז עס בלייבט נישט איבער עפּעס אַנדערש ווי אַ טרער,,
מסתמא מיט דעם אַליין מער ס׳איז פון חיה דער מענטש !
און ווען וואָרט איז נאָר ווידער־קול בלויז פון חיה אין וואַלד,
זאָל דאָך לעצטער האַרץ־קלאַפּ זיין אַז עכאָ פון געבענטש.

אַ, דער יובלדיקער אויפקוויטש פון דער חיה אין וואַלד,
פון הינט נאָך, אַ פאַרבלאָנדזשעטן, אין געהעצטע שטעט,
אין אונזערע צערייצטע הערצער, בייז־בלאָנקענדיקע,
זאָל דאָך נאָך איבערבלייבן כאָטש, עכאָ פון געבעט.

## יחזקאל נח ערליכמאַן

### א פסוק מיט א מאמר...

(פון חסידישן פאָלקלאָר)

אַ מתנגדישער רב, וואָס האָט געוואוינט אין שכנות פון חסידים־שטיבל, פלעגט דאָרט טיילמאָל אַריינגיין דאַוונען מנחה־מעריב. און ווי עס איז באַקאַנט איז דאָך שוין אַ מנהג אַז ווען עס קומען זיך צונויף חסידים מיט מתנגדים, טשעפּן זיי זיך איינער מיט דעם אַנדערן און ווילן באַווייזן אַז זיין דרך איז דער בעסטער.

דעם רב איז זער נישט געפעלן, וואָס זיי מאַכן צו פיל סעודות. מילא פון מלוה־מלכה׳ס און סעודות ראש חודש איז דאָך אָפּגערעדט. נאָר אַ חוץ דעם איז ביי זיי אויסגעקומען יעדע וואָך אַ יומא דפגרא.

איז דער רב איינמאָל אַריינגעקומען ביי נאַכט דאַוונען מעריב, האָט ער זיי געטראָפן ווי זיי גרייטן זיך צו אַ גרויסער סעודה. פרעגט ער זיך, וואָס איז היינט פאַר אַ יום־טוב ? זאָגן זיי אים, היינט איז די יאָרצייט פון „סבא קדישא זכרונו לברכה (פון אַלטן הייליקן רבין), און מיר בעטן דעם חשובן רב — כאָטש אַ מתנגד — ער זאָל מיטהאַלטן מיט אונז די סעודת מצוה, וואו עס ווערט געזאָגט שירות ותשבחות, און מיר בעטן טאַקע דעם רב ער זאָל אויך זאָגן אַביסל דברי תורה.

דער רב האָט אָנגענומען די איינלאַדונג, און האָט זיך אויך געוואַשן צו דער סעודה. אין מיטן דער סעודה האָבן די חסידים דערציילט פאַרשיידענע מעשות און מופתים פון דעם בעל היאָרצייט און אויך פון אַנדערע רביים אין מופת גרעסער ווי דער אַנדערער.



איינער האָט דערציילט פון אַ חסיד וואָס האָט געהאַט אַ קרימינעלן פּראָצעס, און עס האָט אים געדראָט, מען זאָל אים פאַרשיקן קיין סיביר. האָט אים דער רבי אַרויסגעהאָלפן און ער איז געוואָרן אין גאַנצן באַפרייט. אַן אַנדערער האָט דערציילט פון אַ געפערלעכן קראַנקן, וואָס אַלע דאָקטוירים האָבן אים שוין מייאש געווען, פאַרלוירן יעדע האָפענונג. האָט אים דער רבי אַרויסגעהאָלפן און איז אין גאַנצן געזונט געוואָרן.

דער דריטער איז געגאַנגען נאָך ווייטער. ער האָט דערציילט פון איינעם וואָס איז שוין געוואָרן אינגאַנצן טויט. און דער רבי האָט אים צוריק לעבעדיק געמאַכט און נאָך אַזעלכע פאַרשיידענע מעשות. צום שלוס האָבן זיי געבעטן דעם רב, ער זאָל אויך עפּעס זאָגן לכבוד די יאָרצייט.

איך ווייס נישט — זאָגט דער רב — צו דערציילן וואונדער מעשות. אָבער איך מוז מודה זיין אַז אַ דאַנק די מעשות וואָס איך האָב דאָ פון אייך געהערט, איז מיר פאַרענטפערט געוואָרן אַ פסוק אין תהלים, מען זאָגט אים אויך יעדן טאָג אין דאַוונען. דער פסוק איז קאַפּיטל קמ״ט „הללוי׳ שירו לד׳ שיר חדש, תהלתו בקהל חסידים״. און איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער „שיר חדש״ מיט דעם „קהל חסידים״?

אָבער יעצט איז עס מיר געוואָרן גאַנץ פאַרשטענדלעך, דען ביז היינט האָט מען דאָך געגלויבט השי״ת, אַז ער איז אַ רופא חולים, אַ מתיר אסורים, און אַ מחיה מתים א.א.וו. אָבער היינט ווען חסידים זאָגן אַז זייערע רביים טוען אויך די זעלבע וואונדער, איז עס דאָך שוין נישט קיין לויב פאַר דעם בורא עולם, און מען דאַרף שוין אויסגעפינען נייע לויבן, און דאָס זאָגט טאַקע דער פסוק „שירו לד׳ שיר חדש״, וואָרים „תהלתו״ דאָס וואָס מען האָט אים געלויבט ביז היינט, איז דאָך שוין „בקהל חסידים״ — אַלס אַ לויב פאַר זייערע רביים, און דעריבער איז זער נויטיק אַ שיר חדש.

די חסידים האָבן פאַרשטאַנען דעם רב׳ס גראָטעסקעם וויץ. דער כעס האָט געברענט אין זיי און עס איז זיי נישט געווען גרינג אים צו פאַרדייען. דער רב האָט באַמערקט ווי די מער היציקע חסידים, גרייטן זיך אַרויסצוקומען מיט לשון, און ווילן פאַרפירן אַ מחלוקה. האָט דער רב גענומען זיך זיי צו באַרויקן און זאָגט צו זיי, אַז ער וועט זיי יעצט זאָגן אַ מאמר פון די גמרא, און עס קאָן זיין אַז זיי וועלן פון דעם מאמר זיין מער צופרידן ווי פון דעם פריערדיקן פסוק.

זיי האָבן זיך איינגעשטילט, און דאַן האָט דער רבי געזאָגט. עס איז דאָ אַ גמרא „טובה צפרנן של ראשונים מכרסן של אחרונים״, דער טייטש דערפון איז: עס איז בעסער די נעגל פון די פאַרצייטיקע, ווי דער בויך פון די היינ־טיקע. אין פלוג איז שווער צו פאַרשטיין וואָס די גמרא מיינט מיט דעם, וואָס פאַר אַ שייכות האָט צפרנן מיט כרסם ?

נאָר די זאַך לאָזט זיך גוט ערקלערן דורך אַן אַנדערן מאמר פון די גמרא. „שלשה דברים נאמרו בצפרנים״, דריי זאַכן זענען געזאָגט געוואָרן ביי די נעגל פון די פינגער; דער וואָס וואַרפט זיי אַוועק איז אַ רשע, דער וואָס טוט זיי

נישט נאָר ביי איר — ביי דער מערהייט, הגם נישט ביי אַלע איז די בענקשאַפט צום געזאַנג געוואָרן געזאַנג (נישט ביי אַלע, אָבער ביי מער, ווי אונז דאַכט זיך).

און ווי טייער עס איז זיי געווען אָט דער געזאַנג, — צי דער אייגענער, צי אַ חבר'ס (לויט די ווערטער, ווייל לויט דער שטימונג, לויט דער בענקשאַפט איז אויך דעם חברס געזאַנג געווען אַן אייגענער).

דער געזאַנג, וואָס איז געווען אַן אויסדרוק פון לעבן־פאַרלוסט, איז געוואָרן טייערער פאַרן לעבן גופא. מען האָט איינגעשטעלט דאָס דאָזיקע אָרימע לעבן, כדי צו ראַטעווען זיין לעצטן געזאַנג.

אָט וואָס עס שרייבט אין איר קליינעם פאָרוואָרט די זעלבע חוה ראָזענפאַרב:

„מיינע געטאָ־לידער האָב איך געטראָגן מיט זיך ביז צו דער ערשטער סעלעקציע אין אוישוויץ. דאָרט האָט מען זיי מיר צוגענומען. כ'בין שוין דעמאָלט געווען באַרויבט פון אַלעם טייערן. געשטאַנען אַ נאַקעטע, מיט אַ גאָלראַזירטן קאָפּ. די לידער זענען געווען דאָס לעצטע, וואָס מען האָט מיר צוגערויבט".

חוה ראָזענפאַרב איז נישט געווען די איינציקע, וואָס האָט זיך געקלאַמערט אין די אָנגעשריבענע לידער, — פאַר אַ סך (וועגן אַ טייל פון זיי ווייסן מיר און וועגן אַ סך קאָנען מיר זיך דאָס פאָרשטעלן מיט דער גרעסטער זיכערקייט) זענען זייערע לידער געווען טייערער פאַר זייערע לעבנס. ווארום ווען נישט, וואָלט מען זיי דען געווען געטראָגן קיין אוישוויץ?

אין יענע צייטן, אין יענע מינוטן האָט מען זיך געקלאַמערט נאָר אין דאָס אומשטערבלעכע („ממעמקים קראתיך ד'"!) און די לידער זענען דאָס פאַר זיי געווען (און זיי זענען דאָס אויך פאַר אונז).

* * *

די לידער, וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין די געטאָס און לאַגערן, זענען הייליק פאַר אונז, אפילו ווען זיי זענען בלויז שטאַמלעניש „ממעמקים". אָבער חוה ראָזענפאַרבס לידער־ביכל איז מער ווי דאָס: אָפט רייפע דיכטונג, און נאָך אָפטער סימנים פון רייפער דיכטונג.

אין איר ליד „ממעמקים" (45.ז) געשריבן, — שוין אין בריסל, סעפטעמבער 1946, — „צו די חורבות פון לאָדזשער געטאָ", שרייבט חוה ראָזענפאַרב אַכט שורות, וואָס זיי אַליין זענען ווערט צו פאַראייביקן איר נאָמען אין דעם ספר הזהב פון יידישע דיכטונג:

„און פייגל האָבן קיינמאָל שענער נישט געזונגען,
„ווי דאָרטן אויף אַ דאַרער צווייג.
ס'איז קיינמאָל האָפנונג אַזוי גרין נישט אויפגעגאַנגען,
„ווי אויף אַ הויקערדיקער געטאָ־בייט.



„און כאָטש געהאַנגען איז דער הימל אויבן,
„אַרומגעזוימט מיט קאַלבעס און מיט זשאַווער־דראָט,
„דאָך האָט אין ערגעץ אַזאַ טעם געהאַט דאָס לעבן
„און פאַר קיינעם אַזוי נאָנט געווען איז גאָט".

דאָס איז נישט נאָר פּערפעקטע דיכטונג, — דאָס איז טיפסטע, געלייטערטסטע דיכטונג: דאָס צוקושט זיך דער אָפּגרונט־טיפסטער ממעמקים מיט דער העכסטער דערהויבונג.

ווער עס וועט נישט פאַרשטיין און איבערלעבן טיף־טיף דעם אינהאַלט פון די דאָזיקע קלאַנג־שטאַרקע פערזן, דער האָט נישט וואָס צו לייענען חוה ראָזענפאַרבס ביכעלע לידער. — ער וועט זיי סיי ווי סיי נישט באַגרייפן.

אין טאָל פון העסלעכסטן טויט האָט געבליט דאָס שענסטע לעבן, — אָט אַזוי קאָן מען אין איין זאַץ כאַראַקטעריזירן חוה ראָזענפאַרבס געטאָ־לידער (און, נאַטירלעך, אויך אירע נאָך־מלחמה־לידער).

אַפילו אינם ערשטן געטאָ־ליד אירן, וואָס איז נאָך אַזוי אומבאַהאָלפן לויט דער פאָרם, קלאַפּט שוין דער דאָזיקער מעכטיקער פּולס פון אומפאַרוויסטבאַרן מענטשלעכן לעבן (איך אונטערשטרייך: נישט דאָס גופיש־חיהשע לעבן, נאָר דאָס גייסטיק־מענטשלעכע).

זי געפינט זיך הינטער געטאָ־דראָטן, און „דאָרט אויף יענער זייט איז פרייהייט". אָבער זי לאָזט זיך דורך דעם נישט דערדריקן.

„...האָסט אַ קישן? לייג דיין שווערן קאָפּ, לייג דיין מידן
„חלום דיר אין שלאָף. דאָרט טו שמידן
„דיר דיין פרייהייט".

גלייך אין ערשטן ליד נעמט חוה ראָזענפאַרב נישט־באַפעדערטע דיכטונג נאָרמאַל פונקציאָנירן: זי לאָזט נישט דעגראַדירט ווערן דעם מענטשן, וואָס די רעאַליטעט מיט זיך אים צו דעגראַדירן; זי באַשיצט אים דורך טרוים, דורך וועקן די אינערלעכע כחות.

דיכטונג איז דעם גייסטס פאַנצער. און באַשיצנדיק דעם גייסט, באַשיצט זי אָפּט אויך דעם גוף. איך ווייס נישט צי ס'איז אין גאַנצן ריכטיק די גריכישע חכמה, וואָס זאָגט, אַז „אין אַ געזונטן גוף איז דאָ אַ געזונטע נשמה"; אָבער עס איז אָן שום ספק ריכטיק די יידישע חכמה, וואָס זאָגט, אַז אַ געזונטע נשמה שיצט אַ שוואַכן גוף.

די דיכטונג פון געטאָ איז נישט נאָר אַ סימן פון גייסט, — זי איז אויך געווען אַ שוץ פאַרן גייסט.

און די שוואַכע גופים פון היטלערס קנעכט האָבן זיך געקלאַמערט אין איר.

* * *

אירע געטאָ־לידער האָט חוה ראָזענפאַרב רעסטאַווירט פון זכרון נאָך דער באַפרייאונג:

„נאָך דער באַפרייאונג האָב איך מיך דערמאָנט איניקע פון זיי. מייסטנ־טייל די, וועלכע איך האָב געשריבן אין מאָמענטן, וועלכע האָבן זיך ספּעציעל איינגעקריצט אין מיין זכרון. אַ פּאָר פון די דאָזיקע, אגב, נישט געגוי דער־מאָנטע לידער, דרוק איך דאָ אָפּ".

מיר קאָנען נישט דעריבער געגוי אָפּשאַצן חוה ראָזענפאַרבס דיכטערישע אַנטוויקלונג. אָבער דאָך דאַכט זיך מיר, אַז מ׳קאָן מיט דער גרעסטער זיכער־קייט זאָגן, אַז גלייך נאָך די ערשטע הילפלאָזע לידער האָבן שנעל גענומען וואַקסן אירע דיכטערישע פליגל. אויב איר ערשט ליד איז געשריבן געוואָרן אין 1940, און אין 1943 האָט זי שוין געקאָנט שרייבן אַזאַ ליד ווי „רעגן... רעגן... רעגן..." (ז.16), האָט חוה ראָזענפאַרב געהאַט אַ דיכטערישן קפיצת הדרך.

נישט נאָר קינדער ווערן שנעל רייף אין אַ גרויסן אומגליק, — אויך דיכטער.

אַפילו אין די לידער, וואָס בילדן אַ צווישנשיכט צווישן די ערשטע אומ־באַהאָלפענע טריט (זע „דאָרט אויף יענער זייט", ז.9) און די דיכטעריש־רייפע, ווי דאָס דערמאָנטע „רעגן... רעגן... רעגן..." — געפינען מיר אַזוי אָפּט שטאַרקע שטעלן, וואָס זענען ווייט נישט קיין געוויינלעכע דערשיינונג ביי אַן אָנפאַנגער.

צו די דאָזיקע געהערט דאָס ליד „יצחק׳ס חלום", וואו די אַמאָליקע יחידישע עקידה ווערט דיכטעריש פאַרבונדן מיט דער היינט־צייטיקער און פאָלקס־פאַרנעם. דאָס ליד איז צו לאַנג (אַן אָפּטע דערשיינונג ביי אָנפאַנגער, וועלכע האָבן גרויסע דיכטערישע פּאָטענצן און האָבן אַ סך וואָס צו זאָגן), ווי אָפּט ביי חוה ראָזענפאַרב (דער גרעסטער חסרון אויך פון איר שטאַרקער „באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד") די אויסגעוואַקסענע דיכטערישע פליגל זענען נאָך שוואַך באַפעדערט, אָבער עס מערקט זיך שוין אין אים די שפּעטערע רייפע קראַפט. פאַראַן נאַאיוויקייטן אין דאָזיקן ליד („גיי פון מיר, יצחק, איך גיי צו גאַלגאַטע, „דאָרט וואַרט אויף מיר קריסטוס און ס׳וואַרטן מיט אים „די ליכטיקע העלדן פון רעוואָלוציעס. „די יידן און גויים פון קידוש השם"), האָבן אַ סך מטושטשקייטן, וואו דער אינהאַלט ווערט נישט דורכגעפירעמט ביזן סוף, אָבער דאָך ציטערט דורך דאָ און דאָרט עכטע דיכטונג, גרויסע דיכטונג. למשל; ווען יצחק וויל איר, בלויז זיין כלה, פירן צו דער עקידה און ער טרייסט איר:

„כאָטש ברענען וועט שוין דער הילצערנער שייטער
„און לעקן דאָס לייב דיר. דאָך וועסטו זען:
„ס׳וועט פאַלן פון האַנט מיר דאָס בלאַנקענדע מעסער.
„דער נס וועט מיט דיר, ווי מיט מיר דאַן, געשען."

אָדער:

„און דאָ האָט די טיר אַ שטורעם צעעפנט,
„אַ ווינט האָט צעטראָגן מיין היים און מיין הויז
„און האָט זיך צעזונגען אין שכנישע גאַסן;
„אַרויס, צו דעם שייטער! אַרויס!
„האָב איך געקוקט אויף מיין טאַטן אברהמען.
(חוה ראָזענפאַרבס פאָטער האָט געהייסן אברהם.—י.ר.)
„נאָר ער האָט מיר שווייגנד גענומען ביים האַנט.
„און בראַנזענער יצחק אין אַנגסטיקן ציטער
„איינגעפּרעסט האָט זיין גוף צו דער וואַנט.
„דו שרעקסט זיך גאָר יצחק? איך בין נאָר אַ חלום.
„דערוואַך און דו ביסט שוין צוריק אינדערהיים.
„דאָרט וואַרט אויף דיר רבקה, דיין אמתע כלה, און רופט אין געצעלט דיך אַריין.]

„איל זיך צוריק אין דיין לאַנד פון די נשים
„און מיר מיט מיין טאַטן לאָז איבער אַליין.
„דיין גאָט גייט אַליין היינט מיט אונז צו עקדה,
„טאָ איל זיך צוריק אין דיין ספר אַריין".

די קראַפט, וואָס צייכנט זיך שוין אָן אויב נישט אין דער דערגרייכונג, איז אין דעם שוואונג פון אַזאַ ליד ווי „יצחקס חלום", אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אין אַ ריי וואונדערבאַרע לידער, ווי „רעגן...רעגן... רעגן...", „טע־בעצע־באַלאַדע", באַלאַדע פון אַ טעניס־ראַקעטע". מיט אַזעלכע לידער וואָלטן זיך געמעגט גרויסן באַרימטע דיכטער. נישט נאָר די טעמאַטיק פון אַזאַ ליד ווי „באַלאַדע פון אַ טעניס: „ראַקעטע", — די גאַנצע אַטמאָספער דיינע, די וואונדערבאַרע בילדלעכקייט, די צאַרטע שפּילעוודיקט, די כשופדיקע מעלאָ־דיק; — ס׳איז אומגלויבלעך, אַז אַן אַנאָנפאַנגער־דיכטער זאָל דאָס האָבן גע־שאַפן אין אַזעלכע באַדינגונגען. עס איז בכלל אַ וואונדער, ווען אָנפאַנגער גע־לינגען לאַנגאַטעמדיקע לידער, אָבער אַזאַ גראַנדיעז ליבע־ליד!!

„מאָרגן קומט זון צו מיין פענסטער
„און לייגט זיך אויס אויף דער וואַנט.
„מיר וועלן דאָ שפּילן אין טעניס,
„מיר אַלע צוויי זאַלבענאַנד.
„און אונזערע ביידנס טרערן
„וועלן טעניס־באַלעמלעך זיין.
„מיר וועלן זיך איבערקלאַפּן,
„געוויין — אַנטקעגן געוויין.
„און אויבן אַ רעגנבויגן
„וועט שטיין צווישן אונז אינדערמיט.
„און מיר וועלן ביידע זיך וואַרפן
„מיט טרערן אַהין און צוריק.

* * *

„וואָס שטופּסטו מיר צווישן ליפּן
„אַ לעפּעלע צוקער פאַר מיר?
„ווי זאַפטיק עס פליסט אין מיר זיסקייט...
„פון יעדן דיין שטילן באַריר.
„ווי זיס עס פליסט אינם בלוט מיר,
„זיין שפור פון זיסקייט אַליין.
„איך ווייס אַז דו פליספּעט אַצינדער
„פאַר גרויסער פאַרשיכורטער פרייד".

און דאָס „וויג־ליד" (29.ז)? הערט אַ פּיר סטראָפן פון אַ וויגליד צו אַ נישט געבוירן קינד:

„נישט דו וועסט אויפגיין אין מאָרגן,
„נישט איך האָב מיין האָפנונג פאַרזייט.
„אונזערע קברים פאַרבאָרגן
„אינם בית־עולם פון היינט
„נאַקעטע פעלדער, מיין ליבער,
„און איבער זיי הימלען אַן אַ רוים.
„און צווישן הימלען און ערדן
„בלאַנקעט זיך אונזער געוויין.
„און הער איבער פעלדער, די ווייטע,
„טראָגט זיך אַן אומעטיק ליד.
„עס הוידעט זיך איבער מיין קבר,
„עס הוידעט זיך איבער מיין וויג.
„טאָ לאָמירביידע איצט שלאָפן,
„מיין נאָך נישט געבוירענע זון,
„עס וועט זיך שוין קיינמאָל נישט טרעפן
„מיין חלום מיט דיינעם פאַרשפּינט".

מען זאָגט, אַז כדי אַ זינגפויגל זאָל בעסער האַרציקער זינגען, דאַרף מען אים אויסשטעכן די אויגן.

היטלער האָט אויסגעשטאָכן די אויגן ביי אַ גאַנצן פאָלק, און זיינע דיכטער האָבן זיך אַזוי צעזונגען, אַז דאָס האַרץ ווערט צעבראָכן פון זייער אָפּגרונט־טיפן און הימל־הויכן געזאַנג. חוה ראָזענפאַרב איז איינע פון דאָזיקן כאָר.

די געבורט פון דיכטונג און דיכטער אין געטאָ איז איינע פון די גרעסטע קולטור־דערשיינונגען, וואָס נאָר אַ גייסטיק־דעגענערירטע וועלט קאָן זי פאַר־ביגיין מיט אַזאַ גלייכגילט (און אפשר ווייס זי אינגאַנצן נישט וועגן דעם).

דאָס איז נישט נאָר אַ באַווייז פון גייסטיקער קראַפט. נאָר אויך אַ קוואַל פון גייסטיקער מאַכט אויף להבא.

(סוף קומענדיקן חודש)



## דוב וואַרשאַווסקי

# אַ ציבור פון פּורשים

דאָס מאָל וועל איך צעליבטאָן די מפונקים, די „אידעלע", וועלכעליידן נישט, ווען מען איז זיי מגלה טפחיים און מכסה טפח... איך וועל זיך דעריבער יעצט האַלטן ביים דין און זיי מגלה זיין אַ טפח... און מכסה זיין טפחיים. איך וועל רעדן קורץ און מיט רמזים. איך גלויב, אַז איך דאַרף אפילו נישט מגלה זיין זיי דעם טייטש פון די דאָזיקע ווערטער: ווייל לויט זייער „אידעלקייט", מוזן זיי דאָך, — אויב נישט פירוש המלים, — אודאי קענען פירוש „המילות"...

עס ווילט זיך מיר אויך, דאָס מאָל, צו שפּילן די ראָל פון אַ „שנה ופירש", וואָרים באַזיצנדיק די זעלבע שוואַכקייט ווי אַלע „בני־אדם", וויל איך זיך „גלייכן" צו די „מכבי׳ער"... עס שיינט מיר צו זאָגן, אַז מתתיהו איז אויך געווען אַ „שנה ופירש". און זיינע אַלע פינף זין, זיינען געווען אַ חברה פּורשים (דיסידענט בלע"ז)...

מיר געפינען עפּעס אין ערגעץ נישט, אַז די חשמונאים זאָלן זיך האָבן געווען פאַרשטענדיקט און האָבן געהאַט די הסכמה פון די אָפיציעלע יידישע פירער צו מאַכן אַ מרידה קעגן דער פרעמדער גרויס־מאַכט. עס זעט אויס, אַז די מכבי׳ער האָבן זיך פּורש געווען פון ציבור און אָנגעהויבן דעם באַפריי־אונגס־קאַמף אויף אייגענער האַנד. און כדי צו זיין אַ פּורש מן הציבור מוז מען צוערשט זיין אַ שנה; מען דאַרף זיין אַ לערנער און באַגרייפן צו וואָס דאָס לערנען פאַרפליכטעט. אין געגנטייל, איז מען אַ „פּרוש", אָדער אַ „פּקיד", וואָס עסט קעסט ביים ציבור און גייט אויף אַ שטריק...

יעצט קומען מיר צו, צו אונזער עצם ענין פון חנוכה. עס איז די אַלטע און אייביקע קשיא; פאַרוואָס האָט מען פאַרשאַטענט די גבורות און דעם נצחון פון די חשמונאים? פאַרוואָס פייערן מיר נאָר דעם נס פון קריגעלע ביימל? אַנדערע גייען נאָך ווייטער, זיי באַשולדיקן די בעלי־גמרא אין פּחדנות און אין דעפיטיזם. בפרט נאָך היינט, מיט אונזערע נצחונות איז די קשיא גאָר האַרב...

רש"י, אויפן אָרט, לערנט די גמרא (שבת כא) „מאי חנוכה": על איזה נס קבעוה — „אויף וועלכן נס האָט מען איינגעשטעלט דעם יום טוב פון חנוכה"? דאָס הייסט, עס זיינען זיכער געווען נאָך נסים, ווי מיר זאָגן אין הודאה; „על הנסים ועל הגבורות, ועל המלחמות" א.א.וו. טאָ אויב אַזוי, איז די קשיא נאָך שטאַרקער; פאַרוואָס האָט מען גראַד אויסגעקליבן צו פייערן דעם נס פון „פּך השמן"? נאָך אַלע תרוצים און דרשות וואָס איך האָב געהערט איז די דאָזיקע קשיא געבליבן נישט פאַרענטפערט. ביז — ראיתי מעשה ונזכרתי הלכה.

מיר פּראָקלאַמירן אויף יעדן טריט, אַז מיר מאַכן היינט אַדורך די זעלבע תקופה ווי די מכבי׳ער. מסכים. דער זעלבער מרידה־קאַמף פון אַ הייפל „פּורשים" קעגן אַ גרויס־מאַכט און דאַן די מלחמה׳לעך קעגן די מילבן־שכנים, וועלכע האָבן געמאַכט אַן אַנשטעל און געברומט ווי „לייבן"... פונקט ווי אַמאָל.

אַלזאָ גוט. לאָמיר זיך ווייטער פאָרשטעלן, ווי אַמאָל, אַז נאָכן גרויסן נצחון קומען זיך צונויף אונזערע היינטיקע „בעלי־גמרא“: די „מועצת גדולי התורה“, דיפּלאָמאַטן, מלוכה־ראַט, פּאַרלאַמענט און דער „שר התורה“, רבנים, רביים, גאונים, אַלע טשיף־רבי׳ס, נו, די מיניסטאָרן — אַלע. און די דאָזיקע „סנהדרין הגדולה“ האָט צו באַשליסן און באַשטימען דעם אופן און כאַראַקטער פון אונזער נס־חנוכה־פייערונג. וואָס וואָלט געווען דער רעזולטאַט? וואָלט מען אַריינגענומען אין דעם נייעם על־הנסים־טעקסט דעם פּרק מרידה פון די פּורשים קעגן דער גרויס־מאַכט...? — זיכער נישט! מיר ווילן דאָך ווערן „אָנערקענט“ און באַקומען „פּרעסטיזש“ ביי די גויים...! זאָל מען נאָך געבן אַ שבח צו „היק־קעפּ“, צו „פּורשים“..? פאַרקערט, מען וואָלט נאָך צוגעוואָרפן נאָך אַ 20 קעפּ פון פּורשים... אַבי צו ווערן „אָנערקענט“ און „צו הויבן דעם פּרעסטיזש“... [אַך און ווי צו אונזער מדריגה, און צו דעם יידישן „געהויבענעם פּרעסטיזש“...! דאָס ווילן דאָך טאַקע די גויים, אַז די יידלעך אַליין זאָלן אָפּ־טאָן די „שטיקל אַרבעט“ פאַר זיי... אַנטקעגן וואָס, מיר האָבן זיך „דערהויבן“ צו אַ „שיינעם פּרעסטיזש“...]

טאָ וואָסזשע דען וואָלט מען אַריינגעשטעלט אין דעם נייעם נס־חנוכה־היסטאָריע־טעקסט? — מען וואָלט געזאָגט, אַז ס׳איז געווען אַ נס פון ג־ט... און אַ נס איז דאָך טאַקע געווען „ורבים ביד מעטים“. נו, — און אַזוי האָבן מיר אַ נייעם „נס חנוכה“ אין דער געשיכטע... טאָ אויב אַזוי, פאַרוואָס זאָלן מיר טענות האָבן צו די אַמאָליקע בעלי גמרא? אפשר האָבן זיי אויך געהאַט די זעלבע כוונות און מאָטיוון...

אָפּנים, אַז די חכמי־התלמוד האָבן גוט געוואוסט וואָס זיי טוען. (נאַטירלעך דאַרפן זיי נישט מיין הסכמה...) ווי געזאָגט, איז פון אָנפאַנג געשטאַנען אין שלאַכט־פעלד בלויז מתתיהו מיט זיינע זין און נאָך געציילטע יחידים. די „גרויסע מערהייט“ האָט זיך צוליב פּחדנות און שפלות פאַררוקט אין די לעכער און האָט גערודפט די מכבי׳ער. ערשט שפּעטער, ווען די חשמונאים האָבן אָפּגעהאַלטן נצחונות, — גאָר באַזונדערס, פאַרטריבן די פּסיכאָלאָגישע מורא פאַרן „שטאַרקן און גרויסן“ — האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּיאָון די „לעכער־העלדן“ און אויך געוואָרן שיסער׳ס...

אָבער ווען עס קומט צו טיילן זיך מיטן „שלל“ פון מלחמה, זיינען די דאָ־זיקע „לעכער־העלדן“ שטענדיק אין דער „מערהייט“ און תמיד די ערשטע ביי דער שיסל... ווי שייך, זיי האָבן דאָך „געקעמפּט“... [אַ מאָדנע דערשיינונג: ווען עס קומט צו אַ סכסוך צווישן גויים און יידן, שרייען מיר, אַז די יידישע מינדערהייט, דער מעטים זיינען טהורים און קדושים.. אָבער ביי זיך גופא, רעדן מיר אויס אויף דער מינדערהייט אַלץ וואָס איז דער קאָרט שטייט: „פּורשים“, הפקר־יונגען א.א.וו.]

די נאַטור פון מענטש בייטן זיך נישט. קנאה־שנאה און לוסט נאָך מאַכט איז געווען און וועט זיין. פון דעם „גלות“ האָבן יידן אַמאָל געליטן אין ארץ־ישראל און וועלן ווייטער ליידן. ביז דעם אמתן משיח... מיר וועלן אַזוילאַנג



ליידן פון שנאת־ישראל און אַנטיסעמיטיזם, אַזוי לאַנג ווי ביי יידן גופא וועט הערשן שקר, חניפה, שווינדל און שנאת־חנם... (אַ שנאה פון קנאה און רשעות); און פאַרקערט דאָס זעלבע. און ווי מען קען נישט פּטור ווערן פון טויט, אַזוי וועט דער מענטש נישט קענען פּטור ווערן פון זיינע מדות רעות; סיידן די נאַטור פון מענטש, די בריאה, זאָל זיך איבעראַנדערשן. דער וואָלף מוז ווערן אַ שעפּסעלע („וגר זאב עם כבש“)... און אויף דעם מוזן מיר שוין וואַרטן אויף דעם אמת׳ן משיח... און ווער ווייסט ווי לאַנג...?

דאָס האָבן די חז״ל גוט געוואוסט. עס וועט זיך אָנהויבן אַ געפעכט צווישן יידן גופא: דו האַלסט דעם ביקס ווי אַ פאַשיסט (רק־כך)... איך האַלט דעם ביקס אָט אַזוי, ווי אַן „נאַציאָנאַל(ער)־סאָציאַליסט“...א.א.וו. ביז מ׳וועט אַריינ־שפּרינגען מיט די ביקסן אין סאַמע בית־המקדש אַריין...

דערפאַר האָבן די חכמי התלמוד געזאָגט נעמט אַרויס דעם „האַרמאַט“ פון בית־המקדש...! נישטאָ קיין פיזישע נצחונות! צינדט אָן ליכט אין בית־המקדש...! אויב דער „האַרמאַט“ וואָס הרגט יידישע שונאים איז פּסול אין בית־המקדש [ס׳איז גאָר נישטאָ אַזאַ האַרמאַט. אַ סך דייטשן האָבן יידן גע׳הרג׳ט אַלס נקמה...?] — טאָ, טאָר אַזאַ „האַרמאַט“ וואָס הרג׳ט יידן, אוודאי זיך נישט געפינען אין בית־המקדש...! „בעון שפיכות דמים בית־המקדש חרב“ (שבת לג).

„אל תפרוש מן הצבור“. ווען? — ווען מיר האָבן אַ ציבור פון פּורשים! פּורשים אַזעלכע ווי מתתיהו ובניו, וועלכע צינדן אָן ליכט אין בית־המקדש; ליכט פון תורה (לערע), פון מסירת־נפש, ליכט פון אמת, ליכט פון צדק!! און דאָס צו דערגרייכן, זאָל זיין כאָטש אויף אַ קורצער צייט, קענען נאָר פ ו ר ש י ם, י ח י ד י ם, וועלכע ברענגען גרויסע אייגענע ק ר ב נ ו ת...

## דאָרא דימאַנטס באַזוך אין לידס

זונטיק, 12 דעצ. האָט לידזער קולטור־צענטער געהאַט אַ גאַסט ד. דימאַנט. ביי גע־דעקטע טישן מיט גוטן טיי און צובייס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ געקליבענער עולם וועלכער האָט זיך געלאָזט וואוילגיין מיט דער אכילה, און דערנאָך האָט דאָראַ פאָרגעטראָגן אַ רייע זאַכן, וועלכע מקען אָנרופן פּערל פון דער יידישער ליטעראַטור, באַזונדערס שטאַרק אויסגענומען האָט י. ל. פּרצ׳ס „מאָניש“ ביי וועלכער אַלע צוהערער זיינען געזעסן ווי צוגעשמידט צו זייערע פּלעצער. אַלע פאַרזאַמלטע האָבן דאָראַן האַרציק אָפּלאָדירט. מיר אַלע זיינען איר דאַנקבאַר פאַרן באַזוך, און האָפן איר צו האָבן אין גיכן נאָכאַמאָל אין לידז. צולעצט האָט דאָראַ ערקלערט די לאַגע פון דעם פאַראיין „לשון און לעבן“ און ווי וויכטיק עס איז אַז דאָס זאָל געשטיצט ווערן מיט אַלע כוחות. מיר האָבן געזאַמלט עטלעכע פונט צו גונסטן דעם קולטור צענטער, און פאַרן זשורנאַל לשון און לעבן דורך פאַרקויפן „ראַפעל־טיקעטס“, וואָס דאָראַ האָט מיטגעבראַכט. מיט אַ דאַנק צו דאָראַן און די פרויען וואָס האָבן געהאָלפן מיטן צוגרייטן אַלעם נויטיקן האָט זיך דער אינטערעסאַנטער אָוונט געשלאָסן.

י. טיילאָר

# ד״ר יעקב י. מייטליס

## אַמעריקאַנער נאָטיצן

1. אַמעריקאַנער ציוניזם (המשך ב)

די גרויסע היסטאָרישע געשעעניש פון אונדזערע טעג, די פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל, האָט געמאַכט אַ געוואַלטיקן רושם און טיף אויפגערודערט דעם גרויסן, מיליאָניקן יידישן יישוב אין אַמעריקע. אַלץ, די גאַס און דאָס הויז, דער יחיד ווי דער רבים, שטייט בסימן פון דער יידישער מדינה. יידן און בפרט יינגע, האָבן געפונען אַ נייעם ציל, האָבן באַקומען אַ נייעם אינהאַלט אין זייער לעבן. גייט מען טאַקע אַרום מיט דערהויבענע קעפּ און מען פילט זיך שטאָלץ און צופרידן. (אגב, האָט דאָך טאַקע אַמעריקע אַליין געהאַט אַ חלק און צוגעהאָלפן צו דעם גרויסן נצחון!) איז דערפאַר טאַקע כמעט די גאַנצע יידישע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין לאַנד קאָנצענטרירט אַרום דער איינציקאַרטיקער היסטאָרישער געשעעניש. ווערט אַלץ מאָביליזירט לטובת דער גרויסער זאַך, הן פּאָליטיש, הן עקאָנאָמיש און פינאַנציעל. איז די פּאָליטישע אַקטיוויטעט אַ צעצווייקטע, אַ פילפּאַכיקע און נעמט אַרום אַ סך געביטן. ווערן ווידער אויף דער אַנדערער זייט מיליאָנען געזאַמלט און יידן גיבן מיט אַ ברייטער האַנט און אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט. הויבט מען אַלץ שטאַרקער און פעסטער צו שפּינען דעם פאָדים, וואָס זאָל פאַרבינדן ישראל און אַמעריקע, די אַמעריקאַנער געגנוואַרט און די א״י׳דיקע צוקונפט. גרייטן זיך אַלץ גרעסערע גרופּעס יוגנטלעכע צו הכשרה און מ׳רעדט איצט מער און קאָנקרעטער, וועגן עליה און זיך באַזעצן אין ישראל.

האָבן דאָך בעצם די געשעענישן אין ישראל פאַר די לעצטע חדשים ממש פאַרכאַפּט דעם אָטעם און געפאַנגען די פאַנטאַזיע נישט נאָר פון דעם פשוטן ייד, נאָר אפילו אויך פון דעם דורכשניטלעכן אַמעריקאַנער. איז דאָך נישט נאָר אַ גרויסער, ווייטער חלום מיט אַמאָל מקוים געוואָרן, נאָר יידן האָבן אויך באַוויזן, אַז זיי זיינען פעאיק צו ברענגען די סאַמע גרעסטע קרבנות, ווען עס הייסט זיך פאַרטיידיקן. דער פאַקט, וואָס יידן האָבן באַוויזן אַזויפיל העלדישקייט און אָפּגעשפּאַרט די גרויסע און צאָלרייכע אַראַבישע אַרמייען, האָט איבער נאַכט געהויבן דעם פּרעסטיזש און פאַרשטאַרקט די אַכטונג צו דער מדינה און טאַקע צו יידן בכלל. דער פּסיכאָלאָגישער געווינס איז געווען זייער אַ גרויסער.

און ווייל ישראל ציט אויף זיך די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט איז פאַרשטענדלעך, אַז דערמיט פאַרלירן אַ סך טאָג־טעגלעכע לאָקאַלע פּראָבלעמען זייער זין און אינטערעס. קומט טאַקע אויס, אַז אויף אָרטיקע הצטרכותן, סיי קולטורעלע און סיי פּאָליטישע, גיט מען ווייניק און אַ ריי גרויסע קולטור און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס ליידן פון אַ שווערן פינאַנציעלן קריזיס. עס פאַרשטייט זיך, אַז דאָס איז בעיקר נוגע יידישע קולטור־אַרבעט (וואָס רופט נישט אַרויס אפילו אונטער נאָרמאַלע אומשטענדן קיין צו גרויסע התלהבות ביי געלד־מענטשן) און נישט זעלטן איז אויף׳ן קולטור־קאָנגרעס



געוואָרן גערעדט וועגן דער דאָזיקער נייער צרה, וואָס דראָט דער וויכטיקער און וואָגיקער געגנוואַרט־אַרבעט צווישן דעם יידישן קיבוץ אין די שטאַטן.

ליגט אָבער אויך אין דעם פּראָבלעם גבורה (מיט דער ה׳־הידיעה!) אַ גרויסע פּסיכאָלאָגישע געפאַר. ווערט טאַקע אין אַמעריקאַ זייער שטאַרק געפּראָוועט אַ קולט פון העלדישקייט. עס איז נאַטירלעך, אַז מענטשן רעספּעקטירן און באַוואונדערן גבורה, אָבער עס טאָר זיך דערמיט נישט ענדיקן. האָט מען דאָך עפּ״י רוב דרך ארץ פאַר גבורה׳דיקע מעשים, כל זמן די ידי יעקב זיינען געוואָרן שוועכע, האַרטע העגד פון עשו׳ן און קענען טאַקע שלאָגן צוריק. היינט, אַז עס וועלן זיך ענדיקן די האָניק־חדשים (און ענדיקן מוזן זיי זיך פריער אָדער שפּעטער) און ס׳וועלן זיך אָנהייבן די גרויע, פּשוטע און נישט־העראָאישע טעג מיט אַלע זייערע שוועריקייטן, קליינלעכע זאָרגן, באַגרעניצונגען און אַנטוישונגען, וועט דעמאָלט דער גלאָריען־שיין פון העלדישקייט נישט צערינען און פאַרלירן די אָנציה־קראַפט? וועלן געוויסע „ראָמאַנטיקער" און סתם אומצייטיקע ציוניסטישע מיטלויפער זיך אויף איינמאָל נישט אויסניכטערן? און ווי וועט דעמאָלט זיין זייער רעאַקציע?

מוזן טאַקע אַמעריקאַנער ציוניסטישע פירער זיך ביי־ציייטנס פאַרטראַכטן וועגן דעם פּראָבלעם און וואָרענען קעגן די סכנות, קעגן די כל המיני מאמינים און פאַלשע משיחים, וואָס ווילן בעל־כרחם זעען אין דעם אָנהייב פון מדינת ישראל די דערפילונג, די פינאַליטעט, דעם באַגינען און סוף, אַז העכער גייט עס שוין נישט. (ליגט עס דאָך אין דער נאַטור פון מענטש צו וועלן זען פינאַליטעט, ענד און באַרויקונג פון אַ באַוועגונג, ווייל ער אַליין איז ענד־געבונדן און סוף׳דיק.) אָט די מענטשן האָבן געוויינלעך אַ קורצן אָטעם און קענען נישט אויסהאַלטן דעם אימפּעט פון דעם היסטאָרישן גאַנג. ווילן זיי שנעל פאַרטיק ווערן, אפשר טאַקע מיט דער כוונה צו פּטר׳ן דאָס פּראָבלעם און דערקלערן עס אַלץ דערליידיקט. לכל הפּחות פאַר זיך און פאַר זייערע קינדער (ווילן דאָך מענטשן בטבע פּטור ווערן פון פּראָבלעמען, בפרט נאָך ווען זיי גלויבן, אַז עס איז שוין געוואָרן געלייזט). ליגט אין דעם אַ גרויסע און שווערע געפאַר נישט נאָר פאַר יידן און יידישקייט אין אַמעריקאַ. נאָר טאַקע איבער אַלע תפוצות. דער המשך (און דער קולטור־קאָנגרעס האָט אַ סך וועגן דעם גערעדט און דערבאַטירט) מוז ווייטער אָנגיין. עס קען גאָרנישט קיין הפסק אין יידישלעבן געמאָלט זיין. ישראל וועט אין די קומענדיקע יאָרן ברויכן אַ געזונדן, לעבעדיקן און דינאַמיש־שאַפערישן אָרגאַניזם אין די לענדער פון דער וועלט אויף וועלכן צו שטיצן זיין אויפבוי נישט נאָר פינאַנציעל נאָר טאַקע אין אַ גרויסער מאָס ביאָלאָגיש און גייסטיק.

דער סוף איז נאָך נישט געקומען. מיר האַלטן נאָך ווייט פון דערפילונג. מיר האַלטן ערשט ביים אָנהייב. דער גאולה־פּראָצעס איז אַ לאַנגער און אַ שווערער. אַ פאָלק, בפרט דער גייסט פון אַ פאָלק ווערט נישט אויסגעלייזט איבער נאַכט. עס איז אַ קאָנטיניטיקער פּראָצעס פון קאָמפּלעמענטאַציע און קאָאָפּעראַציע. מיר אין די גלות לענדער וועלן זיך אויף לאַנגע יאָרן נויטיקן אין

אַ סך דערמוטיקונג און אַ געפיל פון זעלבשטענדיקייט און פון פרייהייט, און ישראל וועט זיך מוזן האַדעווען אויף די עכטע, זאַפטיקע און יידישלעכע כוחות פון גלות, און בתוכם טאַקע פון גרעסטן יידישן יישוב אין אַמעריקא.

### 2. פראָבלעמען פון יידישער קולטור

זיינען טאַקע דערפאַר די פראָבלעמען פון יידישער קולטור, איר דער־האַלטונג און אַנטוויקלונג, מער ווי טעאָרעטיש און אַקאַדעמיש. זיי רירן אָן דעם עצם קיום פון יידישן פאָלק, אָן אָן איינגעפונדעוועטער, לעבעדיקער און דינאַ־מישער קולטור, וואָס זאָל זיך אָנשפּאַרן אויף איין זייט אויף דעם מעכטיקן גאולה־פּראָצעס, וואָס גייט אָן אין ישראל און אויף דער אַנדערער זייט אויף די פּאָזיטיווע כוחות אין די תפוצות ישראל, איז זיך שווער אויסצומאָלן אַ המשך. עס איז קעגן די געזעצן פון דער נאַטור וועלן ממשיך זיין דעם דלות און די יידישע ליטעראַטור און שפּראַך שטייען ליידער בסימן ירידה. וויל מען פון זיי אַנטלויפן. איז, כדי זיי צו דערהאַלטן, מוזן מיר זיי אָנפילן מיט נייע אינהאַלטן און ווערטן.

אויף אַזויפיל איז שוין היינט יעדן קלאָר, אַז דער לייענער, וואָס גייט אַוועק פון יידיש גייט נישט אַריבער צו העברעאיש, נאָר צו ענגליש, וואָס פירט ממילא צו אָפּפרעמדונג און אַסימילאַציע. גייט טאַקע אָן דער דאָזיקער פּראָצעס אין אַמעריקא מיט אַ פאַרשנעלערטן טעמפּאָ. איז טאַקע די געפאַר אָן אַקטועלע, אַז „עתידה תורה שתשתכח מישראל", אַז די גאַנצע וועלט, וואָס מיר האָבן געקענט און געליבט, מיט איר קוואַליטעט און שיינקייט, מיט איר רייכקייט און טיפקייט, זאָל אין גאַנצן פאַרגעסן ווערן, אַז איר קולטור אין תורה זאָל אין גאַנצן ווערן אָפּגעמעקט. א"י וועט זי נישט אויפהאַלטן. אויב מיר וועלן נישט זיין בכוח זי צו דערהאַלטן. היינט, אויף וואָס וועלן מיר לעבן, אויף וואָס וועלן מיר דערציען אונדזער היינטיקן דור און די קומענדיקע דורות? אויב אפילו עס זאָלן זיך שאַפן אין די שפּעטערדיקע יאָרן נייע פאָרמען, מוזן זיי זיך דאָך אויפבויען אויף די אַלטע, ביז איצטיקע אינהאַלטן, אַנישט אַנט־שטייט דאָך אַ וואַקואום, אָן איבעררייס אין דער יצירה. קען דאָך גריילעך געמאָלט זיין, אַז אין אַ הונדערט יאָר אַרום זאָל שוין מער קיין געביין נישט זיין פון אָט דער רייכער מזרח־אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע און דעמאָלט נאָר האָבן אַ מוזעאָלן ווערט. אויב מיר וועלן לאָזן, אַז דער פּראָצעס פון אָפּפרעמ־דונג (טאַקע אויך אין א"י) און דעזינטעגראַציע זאָל ווייטער אָנגיין. איז עס אויך אין אינטערעס פון דעם גרויסן באַגינען אין ישראל, אַז דער המשך זאָל אָנגיין, אַנישט קען חלילה אויסקומען אַז ישראל און די גלות לענדער וועלן שפּעטער רעדן צוויי פאַרשיידענע, נישט פאַרשטענדלעכע לשונות.

איז עס טאַקע געווען צו באַגריסן, וואָס די פּועלי־ציון אין אַמעריקא האָבן איינגעזען דעמדאָזיקן פונדאַמענטאַלן אמת און זיך גענומען צוזאַמען מיט אַנדערע צו אָרגאַניזירן דעם קולטור־קאָנגרעס, וואָס זאָל העלפן דערהאַלטן די ווערטיקע ירושה פון נעכטן און זי צופּאַסן און אַנטוויקלען פאַר דעם מאָרגן. העגנט טאַקע אַ סך אָפּ פון דער מאָס פון אויסגעהאַלטנקייט און איבערצייי־



גונג מען וועט האָבן פאַר דער דאָזיקער וויכטיקער אַרבעט, וויפיל ענערגיע און ערנצטקייט מען וועט מיטברענגען מיט זיך, כדי אָנצופירן דעם קאַמף אַן פאַרבאַהאַלטן און קאַמפּראָמיסן פאַר דער רענעסאַנס און אויפבוי פון דער יידישער קולטור.

(סוף פּאָלגט)

---

## ס. פּאַלמע

### מאַמע-ערד

די ערד האָט צושפּילט זיך, די מאַמע איז פריילעך,
אויך קנאָספּן אויף ביימן, עס קושט זיי די זון
און מאַמע שיקט גרוסן העט, ווייט אויבן־אָן, —
צום פּאָטער, דעם איינציקן, אייביקן מלך:

די קינדער זיין רואיק אין בויך פון דער מאַמען,
פאַרגעסן ז'דער נעכטן, פאַר מאָרגן קיין זאָרג,
די מאַמע קאָן געבן אויך פריידן אויף באָרג, —
די קינדער, אַנטשלאָפענע, רוען צוזאַמען....

פאַרגעסן, פאַרגעבן, — ס'ווערט מאָרגן געבוירן!
דער נעכטיקער פּלאַטער גייט לאַנגזאַם פאַרלוירן,
ס'האָט ערד זיך צועפענט און אָטעמט אָפּ פריי....
די נעכטיקע דערנער זיך צירן מיט בלומען,
אויף גאַסן די קינדער, ווי בינען זיי זשומען, —
ס'האָט מאַמע געליטן, געווען איז כדאי

### קינד און שטורעם

האָט עמיץ באַגעגנט אַ קינד אַ צעוויינטעם
און פּלוצים אַ שמייכל געמישט מיט אַ טרער?
ווען צופאַל באַווייזנט דעם קינדס אַ באַנער,
דאַן טרערן און שמייכל וואָס שטענדיג באַ'חנ'ט איז.

דערמאָנען אַ שטורעם, אויף שויבן דעם רעגן,
ווען פּלוצים דער שטורעם ברעכט איבער און שטיל:
די זון אַ צעשטיפטע, הויבט אָן דאַן אַ שפּיל —
אויך דאַן קאָנען שויבן דערציילן וואָס דערוועגן. —

אַ מעשה פון פריידן געמישטע מיט צער:
נאַטור נעגן שויבן ווי שקלאַף און זיין האַר —
דער שקלאַף קאָן פאַרגעסן די וואונדן פון שמייסן,
אַזוי אויך דאָס קינד אינם וועלטעלע קליין,
עס קאָן נאָך ניט רעדן, סע קאָן נאָך ניט גיין,
דאָך פילט עס קאָנפליקטן אינם קושן און שמייסן....

# לעאן קעניג

## אשר ביילין

ליידער וועל איך זיך שוין מיט ביילינען ניט טרעפן אין ארץ ישראל, ווי איך האב געהאפט און זיך פארגעשטעלט. איך האב אסך מאל אין די לעצטע יארן געקלערט וועגן אריבערפארן קיין ישראל, און באזונדער קלער איך דער־פון איצט ווען ארץ ישראל איז געווארן מלוכה ישראל. און יעדעס מאל וואס איך האב געקלערט און קלער וועגן זיין ווידער דארט, שטעל איך זיך פאר ווי איך טרעף זיך דארט מיט אזוי פיל פריינט און באקאנטע פון פארשידענע לענדער און צייטן, פריינט און באקאנטע פון מיין אייגענעם „פריוואטן גלות", אזוי צו זאגן... איך וועל זיך טרעפן דארט מיט פריינט און אמאליקע חברים פון מיינע יונגע־און בעסטע אפשר פאר יאר אין „בצלאל", די יארן פון דער צווייטער עליה... מיט באקאנטע און פריינט פון רוסלאנד (אדעס), דייטשלאנד, פאריז, ניו־יארק און ענדליך לאנדאן, ענגלאנד... ארץ ישראל איז דאך געווארן דער מרכז, דער קיבוץ גליות פון אלע אונזערע פריינט....

איך האב געגלויבט און גלויב נאך אז שפאצירנדיק אין די גאסן פון ירושלים און תל־אביב, ,וועל איך שוין דארט טרעפן אסך מער פריינט און באקאנטע ווי אפילו אין אונזערע לאנדאנער גאסן. און מיינסטן וועל איך טרעפן לאנדאנער באקאנטע, פארשטייט זיך... לאנדאן („גרייט ראסל סטריט" אדער „ווייצמינ'סטער" ווי מיר פלעגן עס רופן) איז דאך אין געוויסע הינזיכטן געווען דער פרוזדור צו דער יידישע מלוכה....

אזוי פיל „לאנדאנער" זיינען איצט דארט... לאנדאנער יידן, אונזערע יידן, די נייע יידן, מיין איך; אט די יידן וואס האבן זייער גאנץ לעבן געלעבט מיט אדער כמו אין ארץ ישראל און מיטן פאלק ישראל....

מיט צענדליקער און צענדליקער, יונגע און עלטערע לאנדאנער פרויען און מענער, בחורים און בחורות וועל איך זיך דארט טרעפן....

און צווישן די לאנדאנער פריינט האב איך אודאי און אודאי געהאפט זיך צו טרעפן מיט אונזערע קאלעגן־שריפטשטעלער וואס האבן מיט אונז אמאל געלעבט אין לאנדאן, געהאלפן אונז דא גרינדן א יידישן און העברייישן שרייבער און זשורנאליסטן פאריין און בכלל געפרווט דא עפעס אויפטון....

איך פלעג זיך פארשטעלן איך שפאציר אין ירושלים צי אין תל־אביב און באגעגן די לאנדאנער משה קליינמאן, שמאי פינסקי און אשר ביילין... און מען גייט אריין מיט זיי ערגעץ אין א קאפע א שמועס טון אבער אמאל און ווידער אמאל אז מען וואלט געדארפט עפעס ארויסגעבן א אמתן, א ריכטיקן זשורנאל, א זאמלבוך....

אבער איצט וועל איך זיך מיט זיי שוין אין א"י ניט טרעפן. איך וועל זיך שוין מיט ביילינען אין אר־ישראל ניט טרעפן....

* * *

און ס'פאלט מיר איצט איין אז ביילינען וואלט אפשר געווען אמאינטערע־



סאנטסטן אדער אפילו אמפיקאנטסטן צו באגעגענען אין ישראל... עס וואלט געווען אזוי אינטערעסאנט צו זען ווי אזוי ער זעט אויס אין ארץ ישראל. צו ער איז אנדערש געווארן אדער געבליבן דער אייגענער... ליידער איז מיר ניט אויסגעקומען צו זען זיינע לעצטע פעליעטאנען אין דער העברייישער פרעסע, כאטש איך האב געהערט אסך גוטע גריסן פון זיין שרייבן אין דעם לעצטן צענדליק יאר פון זיין לעבן: איך האב געהערט אז ער איז אסך ענערגישער און פרוכבארער געווארן אין א"י, אז זיינע פעליעטאנען זיינען פאפולער געווען אין די קבוצים... אז אונזער אשר ביילין האט ענדלעך געפינען זיינע אמתע לעזער קרייזן (דאס גרעסטע גליק אפשר פאר א שרייבער)....



א בן־אורי־אויספלוג 1923

שטייענדיקע פון לינקס: אשר ביילין, משה קליינמאן, משה עובד, לאש, סערעס

צווישן די זיצנדיקע: ל. הערש

אין דער לעצטער שורה: י. ביעטש, ש. ווייטה, וואלפסאן, לעאן גוד.

און דאך וואלט איך אים אליין געוואלט זען ווי אזוי ער זעט אויס אין א"י, ,ווייל עס דאכט זיך מיר אז „די זון האט אים ניט אפגעברענט" דארט, אז ער איז געבליבן „דער אייגענער" וואס ער איז געווען ביי אונז אין לאנדאן... מיר דאכט זיך איצט דאס ווען איך טרעף אים יא אין ישראל און כאפ א שמועס מיט אים דארט, וואלט איך באלד דערקענט אז ער בענקט אביסל נאך אונזערע לאנדאנער פאגעס פון וועלכע ער האט אזוי ביטער געליטן צוליב זיין אסטמא... ווען איך זע אים פון ווייטן אין ירושלים צו אין תל־אביב וואלט איך גלייך דערקענט שוין פון זיין פלייצע אליין אז ער איז דער אייגענער, אונזער לאנדאנער ביילין....

פאַר וואָס דאַכט זיך מיר אַזוי ;

ווייל עפּעס גרויעס און מענטשליכעס איז געווען אין זיין אויסזען און טעמפּעראַמענט.ביילין איז געווען פון די דיכטערישע טעמפּעראַמענטן וואָס דער הערבסט איז זיי פיל ליבער ווי דער זומער און אפילו דער פרילינג... דער זומפּ איז זאַט און שרייענדיק־פאַלש ; דער פרילינג זאָגט צו ווי פריער יוגנט און דער הערבסט איז אמת, ווירקליכקייט... לעבן און באַדינגונגען... דער רוסישער ייד ביילין מיט דעם רוטיש־גרוי־טשעכאָוודיקן אומעט אין זיין געמיט האָט געמוזט ליב האָבן דעם גרויען נעבעלדיקן לאָנדאָן וואו ער האָט אַזוי פיל געליטן... פאַר ביילינען דעם פּראָזאאיקער, דעם דיכטער אין זיינע בעסטע שטיקער פּראָזע איז אונזער לאָנדאָן געווען אַסיען, ווירקליכקייט, פול מיט גרוי מענטשליך לעבן....

דאַכט זיך מיר דערפאַר אַז „די זון האָט אים ניט אָפּגעברענט“.

* * *

האָט ער געבענקט אינם זוניקן יידישן לאַנד נאָכן גרויען נעפּלדיקן לאָנ־דאָן? ער, דער לאָנדאָנער שבלאָנדאָנער? מיר שטעלט זיך פאָר אַז יאָ. און אפשר טאַקע אויך דערפאַר ווייל די זיס־ביטערסטע און מיינסטע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אין לאָנדאָן... דאָ האָט ער אויפגעבראַכט זיינע קינ־דער... דאָ האָבן זיך זיינע גרויסע פייקייטן געראַנגלט מיט אַ אומגעבונג, אַ סביבה וואָס האָט פאַרלוירן דעם אַלטן שטייגער און האָט קיין נייעם ניט גע־פינען ; האָט זיך אָנגעהויבן אַנגליזירן, פאַרגעסן, זיך אונטערשעמען מיט דער יידישער פאָלקס שפּראַך און העברעאיש ניט געקענט. די שווערע און ביטערע ראַנגלעניש פון אַ העברעאיש־יידישן שרייבער אין לאָנדאָן.

און ביילין דער קלוג־מענטשליכער העבראַישער דערציילער האָט געמוזט אַזוי פיל יאָרן אָפּגעבן דעם לאָנדאָנער יידישן זשורנאַליזם. דער לאָנדאָנער יידישער פּרעסע — דער אָרימסטער אפשר אין דער גאַנצער יידישער וועלט... אין די לאָנדאָנער הערבסטיק־ווינטערדיקע וועטערן און מיט זיין אסטמאַ פלעגט ביילין דער סקעפּטיקער. דער פּראָזע־דיכטער מוזן אויפשטיין פאַרטאָג און גיין מאַכן נייעס פאַר אַ לאָנדאָנער יידישער צייטונג... און ווען ; בשעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די צעפּעלינס פלעגן צו אונז אריבערקומען...

ווען איך טראַכט פון ביילינען, מוז איך זיך דערמאָנען אין יענע יאָרן ; טאָ, ווי האָט ער זיי געקענט פאַרגעסן אויב אין זיינע לעצטע יאָרן אינם זוניקן לאַנד ?

געקומען מיט אַ שיינעם טאַלאַנט פונם גרויען טשעכאָוו־טורגעניעוו רוס־לאַנד און פון אַ סעקרעטאַרשאַפט ביי שלום עליכם'ן (און, להבדיל פון די צאַריסטישע פּאָגראָמען...) קיין ענגלאַנד, וואו ער האָט ביי אַ פירטל יאָרהונ־דערט — די קערנדיקסטע יאָרן פון זיין לעבן — געקעמפט, הוסטנדיק, מיט פּאַגעס און מיט אַ סביבה וואָס האָט קין זין און צייט ניט געהאַט פאַר ליטע־ראַטור... און ער האָט פונדעסטוועגן די אַלע יאָרן אַזוי קלוג־מענטשליך גע־שמייכלט אין אַזאַ פיינעם סומנעם יידיש ?



טאָ ווי אַזוי האָט ביילין געקענט פאַרגעסן לאָנדאָן, זיין לאָנדאָן, אין ארץ ישראל ?

* * *

מיר וועלן זיך ניט קריגן וועגן דער פראַגע צו ביילין איז געווען מער העברעאישער אָדער מער יידישער שרייבער. מיר דאַכט זיך אַז אין שייכות מיט אים קען מען איבערזאָגן, פּערעפראַזירן ביאַליקס באַרימט ווערטל ; ביילין האָט העברעאיש געשריבן אָבער אין יידיש האָט זיך אים געשריבן... איך גלויב דעריבער אַז סוועט זיין איינע פון אונזערע גרעסטע עוולות — און דאָס ביסל יידישע קולטור־מענטשן אין לאָנדאָן האָבן באַגאַנגען אַסך עוולות — אויב מיר וועלן ניט אַרויסגעבן דאָ זיינע געקליבענע שריפטן אין יידיש... ווייל ביילין איז אַ לאָנדאָנער יידישער שרייבער. מען קען זאָגן דער לאָנדאָנער יידישער שרייבער.

אַ סך באַרימטע יידישע און העברעאישע שרייבער. האָבן אַ געוויסע צייט פון זייער לעבן פאַרבראַכט אין לאָנדאָן ; יונטשעווסקי, ברענער, אחד־העם, סאָקאָלאָוו, פּינסקי, משה קליינמאַן א״א וואָס האָבן געלעבט און לעבן נאָך צום גליק מיט אונז... אָבער קיינעם פון זיי וואָלט איך ניט באַצייכנט אַזוי אַלס לאָנדאָנער ווי אונזער אשר ביילינען. און אַ זאַמלונג פון זיינע שריפטן וועט זיין אונזער כבוד.

# אליהו פּאַלושאַק

## בערלין—מאַסקווע—ירושלים

### 5

„האַלט אייך גרייט !“

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, אין יענע אומרואיקע יאָרן פון רעוואָ־לוציע און קעגן־רעוואָלוציע האָט אַן'אומבאַקאַנטער שרייבער אָנגעשריבן אַ דראַמע מיט דעם נאָמען „דאַנטאָן“ (נישט צו פאַרגלייכן מיט דער אַמאָל, זייער באַרימטער דראַמע „דאַנטאָן'ס טויט“ פון געאָרג ביכנער). אין דעם שטיק קומט פאָר אַן אויפגערעגטע סצענע אין אַ פּאַריזער קוואַרטאַל * אַ דעמאָנסט־

* אין דער צייט פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע 1789־1793.

מענט פון פאָלקס־מיליץ ווערט פאַרוויקעלט אין אַ גאַסן־געפעכט. פון ערגעץ־וואו ווערט געשאָסן. דער אָנפירער פון די מיליציאַנטן פאַלט אַנידער און זעט, ווי זיינע אונטערגעבענע ווילן נקמה נעמען אין עפּעס אַן'אויפאַליק אָנגעטוענעם פאַטראָן. אין דער גסיסה שרייט דער קאַרפּאָראַל מיט זיינע לעצטע כחות צו די מיליציאַנטן :

„שיסט נישט, קאַמעראַדן !<br>
ס'איז דאַנטאָן —<br>
ער מוז פראַנקרייך<br>
פון די לאַבוסעס ראַטעווען !“

מען רעדט אַזויפיל וועגן דעם מערב־בלאָק און דער נויטווענדיקייט צו

שאַפן אַ מערב־אייראָפּייִשע אוניע און אַ צווישן־מלוכה׳שע פאַראייניקונג מיט אַ צווישן־מלוכה׳שן פּאַרלאַמענט און גלייבט, אַז די צאָל־אוניע פון בעלגיע, האָלאַנד און לוקסעמבורג (בענעלוקס בקיצור) איז אַנ׳אָנהייב דערצו. עס ברויכן נאָר צוצושטיין אַלע אַנדערע שכנים־לענדער און דער וועלט־בלאָק אונטער דער אָנפירונג פון גרויס־בריטאַניע און אַמעריקע איז אַ פאַקט און אַ כח. מען איז גרייט צו פאַרגעסן אַלע מחיצות, באַדענקן און פּאָליטישע פאָראורטיילן קעגן אַזעלכע האַלב־באַרבאַרישע לענדער, ווי יאַפּאַן און דאָס היינטיק־נעכטיקע דייטשלאַנד, און דעם קאָרומפּירטן כינא פון טשאַנג־קאַי־שעק, געשעפטס־טיכטיקע עמיסאַרן פאָרן אַהין און צוריק פון אַמעריקע נאָך שפּאַניע. מען הייבט אָן צו דערציילן דער וועלט, ווי אָרענטלעך עס גייט דאָרט צו אין שפּאַניע, ווי גליקלעך דאָס פאָלק לעבט זיך דאָרט, און וואָסערע פיינע מענטשן, אַ דזשענטלמען פשוט, ס׳איז דער גאָודילאָ פראַנקאָ, דער נעכטיקער בוזעם־פריינט פון היטלער און מוסאָליני.

מען רעדט נישט נאָר, מען טוט אויך. דער אויפטאַקט איז געווען, וואָס אַמעריקע און גרויס־בריטאַניע האָבן באַשלאָסן, אַז זייער אייגענע זאָנעס אינעם באַזעצטן דייטשלאַנד און די פראַנצויזישע זאָנע בתוכם זאָלן פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און אַדמיניסטראַטיוו בילדן אַ פּאָליטיש־געאָגראַפישע איינהייט מיט פראַנקפורט אַלס הויפּטשטאָט.

ווען דער מאַרשאַל־פּלאַן איז אַריינגעטרעטן אין קראַפט, איז מערב־דייטשלאַנד (אָדער טריזאָניע, ווי מען האָט עס פריער גערופן) געוואָרן מיט איינגעשלאָסן אין דער דאָזיקער סכעמע. דעמיט ווערט געמאַכט דערזעלבער פעלער ווי מיט 25 יאָר צוריק. אַמעריקאַניש קאַפּיטאַל געמישט מיט ענגלישער מיטווירקונג און סימפּאַטיע געבן די דייטשן נייע כחות ווידער צו ווערן אַ פאַקטאָר אינעם אייראָפּייִשן לעבן.

ס׳איז געקומען צום בערלינער קריזיס. און רוסלאַנד האָט געשאַפן די בלאָקאַדע אַרום בערלין. און פונם רוסישן שטאַנדפּונקט אויס געזען איז עס גאָר נישט אַזוי אומלאָגיש צו דענקן: איז פראַנקפורט די הויפּשטאָט פון טריזאָניע (אָדער מערב־דייטשלאַנד), איז בערלין אויס־שליסלעך די הויפּשטאָט פון מזרח־דייטשלאַנד, אָקופּירט פון סאָוויעט־רוסלאַנדס מיליטערישע כחות.

און דער קאָנפליקט האַלט אָן. ס׳איז געקומען צו דער גרויסער היסטעריע. אַמעריקע האָט אָנגעהויבן צו פאָכן מיט דעם שווערט, און טעאָרעטיש האָט מען שוין געשפּילט באַלעם מיט די קליינע ציוויליזירטע צאַצקעס, וואָס מען רופט זיי אַטאָם־באָמבעס. און דאָס דייטשע פאָלק, וואָס האָט זיך אַזוי שפל׳דיק און פרייוויליק קנעכטיש אונטערגעוואָרפן און מיטגעהאָלפן אויסצופירן אַלע מיאוסקייטן און אוממענטשלעכקייטן פונם היטלעריסטישן רעזשים, איז פּלוצים געוואָרן אַזוי מוטיק און העלדיש אינעם קאַמף פאַר פרייהייט קעגן טיראַניי.

גרויסבריטאַניע און אַמעריקע האָבן אויפגעשטעלט אַ גאַנצע לופט־פלאָטע כדי צו ברעכן די שטרענגע בלאָקאַדע מצד סאָוויעט־רוסלאַנד. די דאָזיקע לופט־פלאָטע איז זייער טעטיק מיט דער פאַרזאָרגונג פון בערלין מיט אַלע



ניטווענדיקייטן, באַדערפענישן און לוקסוסן, צו וועלכע די איינוווינער זיינען „געוואוינט" פון קדמונים אָן.

אַ ריזן־דעמאָנסטראַציע פון „מוטיקע" דייטשע קעמפער איז געוואָרן אינסצענירט אינעם האַרצן פונם אַמאָליקן שטאָלצן בערלין. און אַ העלדישער „טייטשער יינגלינג" איז אַרויפגעקלעטערט אויף דעם אויבערשטן פּאָדעסט פונם בראַנדענבורגער טויער און פאַרברענט די סאָוויעט־רוסישע פאָן.

די ציריכער „וועלטוואָכע" פונם 24־טן סעפּטעמבער שרייבט דערצו אַזוי:

„דאָס דערוואַכן פון די בערלינער צום אַקטיוון קאַמף קעגן דעם מזרח באַטייט אָן שום ספק אַ וויכטיק געשייעניש אין דער געשיכטע פון גאַנץ דייטשלאַנד. די ברענענדיקע רוסישע פאָן אויף דעם בראַנדענבורגער טויער קען ווערן צום פאַנאַל פון דערוואַכן פון דייטשלאַנד. עס איז זיכער אַ גוטער אָנהייב, אַז דאָס דאָזיקע דערוואַכן געשייט אינם צייכן פון אַ קאַמף, וואָס עס פירט דאָס פרייהייט־ליבענדע בערלין אַלס פאָרפּאָסטן פונם מערב קעגן די רוסישע באַדריקערס".

אויף אַנ׳אַנדערער שטעל לייענען מיר אַ פּאָר שורות, וואָס באַווייזן אונדז, ווער עס זיינען די אונטערשטיצערס אין דעם קאַמף פון די צווייפעלהאַפט העלדישע בערלינער:

„אייראָפּע קען גאָרנישט ווערן פאַרטיידיקט קעגן דעם מזרח (און אין דעם זיינען גראָד די אַמעריקאַנער מיט זייער גאַנצער אייראָפּע־פּאָליטיק אין ערשטער ליניע אינטערעסירט) ווען די מזרח־שטחים פון אונדזער קאָנטינענט (אינם אָריגינאַל: די אָסטמאַרק א.פ.) וועלן נישט ווערן געמאַכט שטאַרק".

אַזוי און ענלעך און נאָך אַביסל ערגער קענט איר לייענען אין אַ געוויסער פּרעסע אין אַמעריקע און אין די אַזויגערופענע נייטראַלע לענדער, וואָס האָבן רעלאַטיוו נישט אַ סך געליטן (אָדער לחלוטין גאָרנישט) פון דער מלחמה.

וואָס וואָלט למשל געשען, ווען די קליינע שווייץ מיט אירע 4 מיליאָן איינוואוינער וואָלט געוואָרן אַריינגעריסן אין דער לעצטער מלחמה, אירע גרויסע שיינע שטעט באַזעל, ציריך, גענף און לוצערן וואָלטן געוואָרן צושטערט ווי וואַרשע, ראָטערדאַם און סטאַלינגראַד נישט חלילה פון די מאָסקאָוויטן, נאָר פון די „פאַרטיידיקער פון דער מערב־אייראָפּייִשער קולטור". פון די טויטאָנען, (די פאַרוויסטער און צערשטערער פון די לעצט־דערמאָנטע שטעט און האַלב־אייראָפּע), וואָלט אויך דאַמאָלס די „וועלטוואָכע" אַלס אַנ׳אָנגעזעענע שווייצעריש בלאַט געהאַט דעם מוט צו זאָגן, אַז „בערלין איז אַ פאָרפּאָסטן פונם מערב".

באַלד נאָך דער מלחמה האָבן ערנסטע שטימען געוואָרנט קעגן די פאַלשע געפילן פון רחמנות קעגנאיבער אַזאַ בעסטיאַלישן שונא, ווי דייטשלאַנד איז געווען. מען האָט זיך דערמאַנט אין דער אָרגאַניזירטער סימפּאַטיע פאַרן דייטשן פאָלק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווען די פאַקטן איבער אוישוויץ, בעלזן, טרעבלינקע און בוכוואַלד זיינען געוואָרן באַקאַנט, האָבן ענגלישע צייטונגען געדרוקט לייטאַרטיקל מיט דער איבערשריפט: לעסט אואי פאַרגעט

דאָס הייסט: איר זאָלט דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

און זיי וואָלטן אויך נישט מוחל געווען און פאַרגעסן, קיין שום פאָלק אין דער וועלט נישט מיט זייער שטענדיקן פריידיקן איבער מחילה און באַרעמהאַרציקייט, ווען זיי וואָלטן (אַלס פאָלק) געוואָרן אַזוי טייוולאָניש און באַרבאַריש פאַרשניטן און פאַרטיליקט אָדער אָפגעווישט פון דער ערד, ווי דאָס יידישע פאָלק איז געוואָרן אינם נאַצישן אייראָפּע.

צום סוף פון דער מלחמה און באַלד נאָכדעם האָט מען אין געוויסע קרייזן, באַזונדערש אין אַמעריקע זייער פיל גערעדט איבער דעם מאָרגענטוי־פלאַן. דאָס איז דער פלאַן פונם אַמאָליקן אַמעריקאַנישן פינאַנץ־מיניסטער הענרי מאָרגענטוי יוניאָר צו אורבאַניזירן דייטשלאַנד, ד.ה. אַז דאָס דאָזיקע לאַנד זאָל ווערן אַ לאַנד פון אַקערבוי און פיצוכט, ווי עס איז הויפטזעכלעך געווען מיט איבער הונדערט יאָר צוריק. די שטחים מיט נאַטירלעכע רעסאָרסעס, ווי קוילן, אייזן און אַנדערע מינעראַלן זאָלן ווערן געשטעלט אונטער אינטער־אַליאירטער קאָנטראָל צום נוצן פון דייטשלאַנד און די אַרומיקע לענדער, וואָס האָבן געליטן פון דייטשלאַנד, און באַנייטיקן זיך אין די דערמאָנטע רוישטאָפן.

די אַנטוויקלונג און די געשייענישן אין דער לעצטער צייט זיינען לײדער געגאַנגען אַנ׳אַנדערן און פאַר די דויערהאַפטיקייט פונם אייראָפּיאַישן שלום זייער געפערלעכן וועג. מיר ווייסן, אַז אַמעריקע טרעט זייער שטאַרק איין קעגן דער ווייטערדיקער דעמאָנטירונג פון דער גרויס־און שווער־אינדוסטריע און פון דעם צווייג פון קליין־אינדוסטריע, ווי פיינמעכאַנישע ווערקשטאָפס און פאַבריקן פון פרעציזיאָנס־מאַשינען (אין בייערן און שוואַרצוואַלד), וועלכע האָבן געדינט דעם דייטשן מלחמה־מולך. די שווער־אינדוסטריע און דער קוילן־בערגבוי אינם רוהרגעביט איז נישט געוואָרן אי נישט סאָציאַליזירט (דאָס וואָלט אַמעריקע נישט צוגעלאָזט), אי נישט אינטערנאַציאָנאַליזירט (דאָס האָבן נישט ענגלאַנד און נישט אַמעריקע געוואָלט). די רוהר־געגנט, וועלכע האָט אינם קייזערלעכן דייטשלאַנד ווי אויך אין היטלערס צייטן געטראָגן דעם נאָמען: „די וואָפענשמיעדע דעם רייכעס", ד.ה. די קוזשניע פון כלי זיין איז ווידער עקאָנאָמיש און אַדמיניסטראַטיוו אין די הענט פון די דייטשן.

איר האָט דאָך געלייענט דעם ציטאַט פון דעם ציריכער וואָכנבלאַט, אַז די „מזרח־שטחים פון אונדזער קאָנטינענט" מוזן ווערן געמאַכט שטאַרק. אין מערב־דייטשלאַנד ווערט די געוואַלטיקע שווער־אינדוסטריע פון קוילן און אייזן, מעטאַלישע און כעמישע האַלב־פאַבריקאַנטן און פאַרטיק־פאַבריקאַטן איבערגעגעבן אינם רשות פון די פריערדיקע באַזיצערס און מאַכטהאָבערס. דייטשלאַנד ווערט ווידער עקאָנאָמיש פריי און זעלבשטענדיק.

אינם מערב איז דער גרויסער שכן—פראַנקרייך, אַמאָל די מוטער פון דער אייראָפּיאישער ציוויליזאַציע, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה די שטאַרקסטע גרויסמאַכט אין אייראָפּע, און היינט אַ קראַנק, אָפגעשוואַכט און צובראָכן לאַנד געשפאָלטן אין אומצייליקע פאַרטייען, גרופעס און גרופעלעך, ווירטשאַפטלעך דיסאָרגאַניזירט און פינאַנציעל אָפהענגיק פון אַמעריקע. וואָסערן



כח שטעלט מיט זיך פאַר אַזאַ מין לאַנד? גאָרנישט. און דאָס איז באמתדיק אַ גרויסער שאָד.

אַ דערשטאַרקט דייטשלאַנד נאָך אַ פאַרלוירענער מלחמה וועט איביק בילדן אַ געפאַר פאַרן אייראָפּיאַישן שלום. אַ דערשטאַרקט דייטשלאַנד האָט אַ פאַרטיקן אידיאַם, דאָס וואָרט: „רעוואַנש־קריג" און געמיינט איז דערמיט די צוריק־דעראָבערונג פון די איצטער פראַנצויזישע דעפאַרטמענטס (פראַווינצן) עלזאַס און לאָטרינגן, און די באַהערשונג פון גאַנץ פראַנקרייך.

מיט אַן־ערך 13־14 יאָר צוריק האָט דער דאַמאָלדיקער ענגלישער פרעמיער לאָרד באָלדווין געזאָגט, אַז די גרענעץ פון גרויס־בריטאַניע ליגט ביים רהיין. (איך האָב דאַמאָלס געלעבט אין דייטשלאַנד און קען מיך דערמאָנען די פאַרשיידענע קאָמענטאַרן, וואָס זיינען דערצו געוואָרן געמאַכט אין דער דייטשער פרעסע). יאָ, עס איז דאַמאָלס גאָרנישט געווען קיין גוזמא, אַז די גרענעץ פון גרויסבריטאַניע ליגט ביים רהיין! טאָ וואו זשע ליגט די גרענעץ פון פראַנקרייך"? על אחת כמה וכמה ליגט פראַנקרייכס מזרח־גרענעץ ביים רהיין, אויב נישט נאָך ווייטער, ביי דער רוהר.

דאַריבער איז צו ווינטשן און צו האָפן, אַז פראַנקרייך וועט זיך באַלד מאָראַליש און עקאָנאָמיש דערהויבן צו דער הויכער מדרגה פון אַ גרויסער נאַציע, און אָנהייבן צו שפילן די ראָלע פון אַ שטאַרקער פראָגרעסיווער מאַכט לטובת אַ דויערהאַפטיקן אייראָפּיאַישן שלום און במילא קעגן דער רעסטאַווראַציע פון אַ שטאַרקן רעוואַנש־לוסטיקן דייטשלאַנד.

און ווען פראַנקרייך׳ס גרענעץ ליגט ביים רהיין, ליגט סאָוויעט־רוסלאַנדס גרענעץ ביי דער אָדער אָדער גאָר ביי דער עלבע, וועמענס רעכטער ברעג ביז כמעט צו די האַמבורגער פלוינען איז באַזעצט פון סאָוויעטישע אָקופאַציע טרופן. עס איז קלוג און ריכטיק און פאַר דעם אייראָפּיאַישן און וועלט־שלום אַ נויטווענדיקייט, אַז דייטשלאַנד זאָל בלייבן באַזעצט פון די כחות פון די זיגער פאַר אַפאַר דעקאַדעס ביז עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז עס האָט זיך געריניקט פון דעם שמוץ און פסולת פון איר מאָוסער בעסטיאַלישער פאַרגאַנגענהייט.

עס קען זיין, אַז געוויסע מערב־אייראָפּיאַישע לענדער רעדן זיך איין, אַז מיט דעם כשוף־שטעקעלע „דעמאָקראַטיע", געווינען זיי דאָס דייטשע פאָלק פאַר זיך. דעמיט האָבן זיי אַ גרויסן טעות. די דייטשן וועלן זיך אַזוי לאַנג שפילן אין דעמאָקראַטיע, ווי עס וועט זיין נוצליך פאַר זיי. זיי וועלן אויסנוצן אַלע פרייע אינסטיטוציעס פון דער דעמאָקראַטיע נישט לטובת דעם שלום פון אייראָפּע און דער וועלט, נאָר לטובת אַ ווידער דערוואַכן פון אַ שטאַרקן צענטראַליסטישן דייטשלאַנד מיט אויסגעשפרייטע טויזנט אָרעמס אין אַלע ריכטונגן פון אונדזער ענגן וועלטל, און אַ שרעק פאַר די קלענערע פעלקער אַרום איר, די ערשטע קרבנות אין דער לעצטער מלחמה און די פאָטענציעלע קרבנות פון מאָרגן.

אפשר איז קלענמאָסאַ גאָרנישט געווען אַזוי אומגערעכט, ווען ער האָט

מיט 30 יאָר צוריק געזאָגט, אַז עס זיינען דאָ אין איראָפּע 20 מיליאָנען דייטשן צופיל. עס וועט קיינעם נישט איינפאַלן פאַרצושלאָגן, אַז דאָס דייטשע פאָלק מוז ווערן דעצימירט מיט דער הילף פון גאַז־אוווענס און קרעמאַטאָריומס. (אַט די דאָזיקע טרויריקע באַרימטקייט וועט בלייבן אַפּריווילעגיע פון זיי, די דייטשן). יאָ, ס'איז יושרדיק און גוט פאַר דעם כלל פון דער איראָפּייאישע פעלקער־משפחה, אַז עס זאָלן זיין צוויי דייטשלאַנדס: איינס אין מזרח מיט דעם וואַסערקאָפּ בערלין אַלס הויפּטשטאָט און אַנ'אַנדער דייטשלאַנד מיט פראַנקפורט, באָנן אָדער קעלן אַלס הויפּשטאָט.

אַמעריקע איז צו אַלנג געווען איזאָלאַציאָניסטיש און צו שטאַרק אָפּגעזונדערט פון איראָפּייאישע פּראָבלעמן צו קענען פאַרשטיין די וויטיקן און נויטן פון די קליינע פעלקער אַרום דייטשלאַנד, און עס קען זיין, אַז זי איז צו שטאַרק געוואָרן באַאיינפלוסט פון די פּראָ־גערמאַנישע עלעמענטן אין איר אייגן לאַנד און מחוץ אין אירע לעצטע האַנדלונגען לטובת דייטשלאַנד און פיינדזעליקייט קעגן מאָסקווע אָדער סאָוויעט־פאַרבאַנד.

אַנ'איינהייטלעך דייטשלאַנד מיט אַ דינער איבערשיכט פון פּסעוודאָ־דעמאָקראַטיע וועט זיין אַ רעוויזיאָניסטיש דייטשלאַנד, אַ פּריווילִיקער אַליִאירטער פון די מערב־מלוכות אינם קאַמף קעגן מאָסקווע„ קעגן „אַזיע“, קעגן באָלשעוויזם, קאָמוניזם, סאָציאַליזם און דער ניי־געשאַפענער אָרדענונג אין די מזרח־איראָפּייאישע לענדער אויף יענער זייט פון דער אָדער און אויף דעם באַלקאַן.

דייטשער רעוויזיאָניזם וועט מיינען אַ בליץ־שנעלן אריינמארש אינם היינטיקן ניי־רעסטאַווּרירטן פּוילן, דאָס אוועקנעמען פון איר אַלע פריש־דערוואָרבענע מערב־פּראָווינצן, ווי מיטל־שלעזיע, איבערשלעזיע, לוזיץ און פאמערן און טאטאלע פארניכטונג פון די ניי־יידישע ישובים דאָרט, מיט שווייס און בלוט געשאַפן פון אַ טייל פון דער שארת הפליטה.

און כדי עס זאָל צו דעם אַלעם נישט קומען, מוז מאָסקווע'ס שטאַרקע האַנט ווערן געהאַלטן איבער בערלין (די מיאוסע זונה צווישן אַלע הויפּטשטעט פון דער וועלט) און דעם גאַנצן אָקופּאַציע־געביט ביז צו דער עלבע. פון דער עלבע ביז צו דער פראַנצויזישער גרענעץ זאָלן מאָסקוועס גרויסע מלחמה־אַליִאירטע: גרויסבריטאַניע, אַמעריקע און פראַנקרייך האַלטן וואַך. וואַכן „און זאָרגן נישט לטובת אַ רעסטאַווּרירטן דייטשלאַנד, נאָר פאַר דעם שלום פון דער וועלט, „די וואַכט אַם רהיין“....

צום 60־טן געבוירן־טאָג פון **ש. זאַלקין** וואָס פאַלט אויס היי־יאָר חנוכה, ווינטשן אים אריכת ימים, געזונט און פּרנסה

זיין פרוי **רחל זאַלקין** און זון **ראובן ראססעל**

אין די האַרציקסטע באַגריסונגען פאַר זייער פריינט און קאָלעגע שליסן זיך אָן פריינט פון יידיש לשון און לעבן





# דאָס אַרויסציִען זיך פון געטאָ

(שלוס)

זיי וועלן שוין נישט קומען. באַשטים איך אין געדאַנק. אָדער מען האָט זיי געכאַפּט, אָדער זיי זענען צוריקגעגאַנגען אין געטאָ אַריין. און עס לויפן ווייטער די מינוטן, צענער מינוטן. איך רויכער פּאַפּיראָסן און וואַרט. ענדליך קום איך צום באַשלוס, אַז עס האָט קיין זין נישט לענגער צו וואַרטן. איך טו אָן מיין פּאַלטאָ און געזעגן זיך מיט די בעלי בתים. אין דעם דאָזיגן באַמענט קלאַפּט ווער אונטן אין דער טיר צו די טרעפּ. איך גיי אַראָפּ און עפן די טיר. פון דער פינסטער שיילן זיך אַרויס דריי פיגורן. זיי — האָבן זיך פונדעסטוועגן געהאַלפן. מיר פירן זיי אַרויף אין דער וואוינונג פון מיין באָבען. אין אַ פערטל שעה אַרום ברענט שוין אַ פייער אויף דער קיך. די דירה איז באַליכטן, די פענצטער פאַרהאַנגען. די פאַמיליע שפּער זענען זייער ערמידעט. דאָך פרעג איך מיך שטאַרק נאָך, וואָס מיט זיי איז געווען די גאַנצע צייט. פון קורצע פראַזן, אָפּגעריסענע פראַגמענטן שיילט זיך אַרויס די געשיכטע פון די לעצטע עטלעכע שעה. זיי זענען אַריין אין טויער וואו איך האָב זיי פאַרקירעוועט, דאָרט זענען געווען טרעפּ, דערנאָך דורך אַ הויף און ווידער דורך עפּעס אַ טויער. זיי האָבן אין דער טאַט נישט געוואוסט אויב זיי גיין ווי עס געהער. זענען דאָך אַרויס אויף דער גאַס צום ערשטן אויף דניאל גאַס און שפּעטער אויף דעם טעאַטער פּלאַץ און דאָרט האָבן זיי פון דערווייטנס געטראָפן אַ דראָשקע. זיי זענען איינגעשטיגן און געהייסן זיך פירן אין דער ריכטונג פון מעריב'דיקן קוואַרטאַל. ווען די דראָשקע האָט זיך גערירט איז אַרויפגעשפרונגען יענער שאַנטאַזשיסט. פאַר יידן האָט ער אייגנטליך געהאַלטן בלויז די פרויען, דעם ה' שפּער, וואָס האָט נישט קיין יידיש אויסזען און טראָגט שיינע, זיידענע, זער „אַרישע“ וואָנסעס, האָט ער געהאַלטן פאַר אַ פּאָליאַק, וואָסאָ אָפּיעקעוועט זיך מיט יודישקעס.

ער האָט פאַרלאַנגט געלט און די תשובה איז געווען, אַז מער קיין געלט האָבן זיי נישט. דאַן האָט ער גאַנץ איידל ערקלערט, אַז די וואָס אַנטלויפן פון געטאָ מוזן ביי זיך געלט האָבן. מען זאָגט אים דערויף, אַז זיי האָפן דאָ צו באַקומען אַרבייט, אַז דאָס יונגע פריילין איז אַ פאַרמאַצעראָטקע.

און אַזוי פירט מען דעם געשפּרעך רואיק, אַביסל פריינדלעך. און די דראָשקע פאָרט, קליאַפּ, קליאַפּ, ווייטער און ווייטער. דער פורמאַן פרעגט זיי גאַרנישט, גלייך עס אינטערעסירט אים אין גאַנצן נישט דעם אַדרעס וואָרהין צו פאָרן, גלייך ער הערט נישט דעם גאַנצן שמועס וואָס קומט פאַר הינטער זיינע פּלייצעס. קליאַפּ, קליאַפּ, קליאַפּ, קליאַפּ, אַלע מאָל ווייטער. עס ווערט שפּעט און פינסטער. דער שאַנטאַזשיסט פאָדערט כסדר געלט און זיי זאָגן כסדר אַז מער קיין געלט האָבן זיי נישט.

עס רעגנט אַ דין רעגנדל און די דראָשקע פאָרט ווייטער. זיי זענען שוין

ערגעץ וואו ווייט אונטערן שטאָט, צווישן קליינע הייזלעך. פינסטער און בלאָ־טיק. דער שאַנטאַזשיסט ווערט אומרואיק. ער קוקט אויפן זייגער צולייכטנ־דיק מיטן לאַמטערן. ער בויגט זיך אַרויס פון דער דראָשקע און קוקט זיך אַרום אויף די דערבייאיקע געסלעך און הייזלעך. כסדר פאַרלאַנגט ער געלד, אָבער אַלע מאָל מיט ווייניקער חוצפּה. לסוף ווענדט ער זיך צו דער פרוי, זי זאָל אים אָוועקגעבן איר דאַמען־טאַש וועט ער זיך גיין זיין וועג. און דער ה׳ שפּער האָט איינגעוויליקט. ביי דעם ליכט פון לאַמטערנדל נעמט מען אַרויס אַלע קליינינקייטן, צעטעלעך א.אַז.וו. דאָס אַלץ לאָזט ער. ער איז אי־בערצייגט, אַז אונטער דער פּאַדשעווקע מוז אודאי זיין געלד. ער שפּרינגט אַראָפּ פון דער דראָשקע און פאַרשווינדט ערגעץ. אַ צייט פאָרט מען ווייטער פאָרויס. ענדלעך שטייגן אַלע אויס. דער דראָשקאַרזש דינגט זיך גאָרנישט וויפיל מען צאָלט אים און ווען זיי גייען אַוועק, ווינשט ער זיי הצלחה. יעצט גייען זיי אין דער בלאָטע מיט די גאַסן וואָס פירן אין שטאָט אַריין. שפּעטער געפינען זיי ווידער אַ דראָשקע און הייסן זיך פירן נאָך זשאָליבאָרש. דאָס מאָל האָבן זיי אָנגעטראָפן אויף אַ שכור. וואָס פאָרט ווי אַ משוגענער און זינגט הויך. זיי האָבן מורא עס זאָל נישט פאָרקומען עפּעס אַ סכסוך מיט דער פּאָליציי און עס זאָל דערביי עפּעס זיך נישט געשיין. זיי קומען דאָך גליקלעך אָן. זיי זענען אויסגעשטיגן אויף אינוואַלידן פּלאַץ און געקומען אויף דער שטעלע.

עס איז שוין שפּעט. איך האָב זער ווייט אַהיים צו גיין, אַזש אויף יענער זייט שטאָט, עס איז שוין נאָענט צו דער פּאָליציי־שטונדע. איך געזעגן זיך און גיי אַרויס. די פאַמיליע שפּער מיט זייער פאַרוואַנדטע פריילין ראַמאַנע זאַמענהאָף האָבן געוואוינט אין דעם וואוינונג אויף זשאָליבאָרש צען חדשים. באַלד ווי זיי זענען פון דאָרט אַוועק, האָבן די דייטשן דאָס הויז בלאָקירט. אָבער זיי זענען שוין דאָרט נישט געווען.

זיי האָבן נאָכהער פיל מאָל געטוישט די דירות און זענען זער פיל אַדורכגעגאַנגען. זיי האָבן אַלץ אויסגעהאַלטן און לעבן ביזן היינטיקן טאָג״.

איבערזעצט פון פויליש דורך **י. שפּער**

באַמערקונג פון איבערזעצער, די הויפּט פיגור פון דער דערציילונג:

דער מחבר, ה׳ פּענדאַווסקי האָט פאַרשוויגן אַז אויך דער לעצטער דראָשקאַרזש, וואָס האָט זיך געמאַכט בלויז שיכור, אין אמתן האָט ער, אָנ־קומענדיק אויפן אָרט, גאַנץ ניכטער אָנגעהויבן שאַנטאַזשירן, אַז ער מוז די פרויען, די יודישקעס, פירן אין צירקול אַריין, אַנדערש דראָט אים פּאָר פירן אַזאַ טריפה׳נע סחורה, אַ קויל אין קאָפּ. ערשט נאָך מיינע מוסר־רייד, בייגעלייגט עטלעכע באַנקנאָטן, האָב איך אים באַרואיקט. פאַרן אָוועקפאָרן האָט ער דאָך נישט פאַרגעסן דעם שוין איבעראַל באַוואוסטן מאַנעוורע צו זעגנען זיך מיט די פרויען. אָבער מיט זייערע בלויזע הענט אָן הענטשקעס. דערמיט צו קענען אָפּרייסן די גאָלדענע קידושין רינגלעך. אָבער די פרויען האָבן קיין פינגערלעך נישט געהאַט.





צייכענונג פון מאַריס סאַבאַטשעווסקי צו דראַמע דער משפּט פון מאַריס קאַץ

## דארא דימאנט

# קאנצערט פון פ.פ.י.ל. אין פיפעלס פעלעס

סאיז שוין ווירקלעך געווען העכסטע צייט פאר אזא פאראנשטאלטונג. סאיז געווען העכסטע צייט, כאטש צו דערמאנען, אז סאיז נאך פאראן אזעלכעס, וואס הייסט יידישע קונסט. און דאס איז דעם קאנצערט געלונגען. עס האט טאקע דערמאנט. ווארום וויפיל מזאל זיך נישט ווערן קייגן דעם פערגעסן — אבער אז יארן לאנג מזעט נישט און מהערט נישט, הייבט מען אן זיך אליין חושד צו זיין, אז סאיז גאר א הוילע איינרעדעניש די גאנצע מעשה, מיט דער יידישער קונסט, איז אין גאס ניטא אזעלכעס.—און פאר גרויס נויט און עלענט, נעמט מען וואס מגיט. און מווישט זיך אפ ס׳מויל. וואס זאל מען טון? ממוז דאך דערהאלטן די נשמה. מאכט מען שלום מיט אלעם. — אט דאס שלום־מאכן, דאס איז דער טרויריקסטער סך־הכל פון אלע אונזערע האפנונגען און ראנגלענישן.

די דאזיקע טענה־ומענה, שליסט נישט אויס איינגאנצן אויך „פריינט פון יידיש לשון". ווארום זיי, וואס פירן אן אזא פארביטערטן קאמף צו דערהאלטן דאס ביסל ריינקייט, דאס ביסל ערליכקייט, וואס מיר פארמאגן, זיי נוצן נישט אויס פאר זייער קאמף, די פארהאנענע מעגלעכקייטן. סאיז פאראן גענוג ערנסט און רייכע קינסטלערישע כוחות אין לאנדאן, וואס צוליב דעם טאקע וואס זיי זענען ערנסט און רייך, איז ניטא פאר זיי קיין פלאץ אין די היגע „קונסט־קולטור" אינסטיטוציעס. טאקע „תורה מיגראשן". די ווייניקע אויסנא־מען האבן ניט קיין פעולה. — פאראנשטאלטונגען ווי די אין „פיפל׳ס פעלעס", נישט איינמאל אין זעקס חדשים, נאר אלע צוויי חדשים, וואלטן געקאנט שטארקן אט דעם אפהאלטענדיקן כוח. די שבת נאכמיטאגס אליין זענען נישט גענוג. און איך האף אז דער דאסמאליקער דערפאלג וועט זיי דערמוטיקן.

צום קאנצערט גופא. — אונז ווי פ.פ.י.ל. אינטערעסירט נאטירלעך בעיקר דער יידישער טייל פון פאגראם. איך וועל זיך דעריבער גאנץ ווייניק אויפ־האלטן ביים מוזיקאלישן טייל. חוץ מזה, ניט ווייענדיק גענוג באהאווינט אין מוזיק, קען איך זיך גארניט דערלויבן ארויסצוזאגן א קריטישע מיינונג. איך קאן דא נאר איבערגעבן די קאלעקטיווע מיינונג פונעם עולם, מיט וועלכן ממוז זיך יא רעכענען; דער עולם האט מיט א ברייטער האנט, טיילמאל מיט בא־גייסטערונג, געדאנקט די צוויי קינסטלער, סיליא ספענצער, און קלמן כנורי. ביי סיליא ספענצער, האב איך ביים צוהערן זיך כסדר געוואונדערט ווי מקאן פון אזא קאלטער כלה, ווי די ליאנא ווייזט מיר אויס צו זיין, ארויסבאקומען אזעלכע טענער, ווי זי האט רויסבאקומען; אזויפיל חנ׳עווידיקייט, הומאר און לאבוסעוואטיקייט (ביי דעבוסי).

דער טייל פון פאלקסלידער איז געווען אויסגעפירט פון חנה מעצגער און ה. סקושיפצע. לײדער איז ה. סקושיפצע אין דעם אוונט געווען זער שטארק אינדיספאנירט. שיעור נישט געמוזט אפזאגן צו נעמען אנטייל. און דאס איז



געווען זיין ערשטער ארויסטריט אין אונזערס א פאראנשטאלטונג. עס וואלט דעריבער געווען אן אומרעכט ארויסצוזאגן א מיינונג איבער זיין טאלאנט לויט דעם דאזיקן אוונט. איך האף אז מיר וועלן נאך האבן א געלעגנהייט אים צו הערן וועלן מיר דעמאלט אים אפגעבן דעם געהעריקן כבוד. יעדנפאלס וועט מען זיין לידל, „א קליין מלמדל", איינס פון די בא׳חנ׳טסטע פאלקסלידער, לאנג געדענקען.

חנה מעצגער איז דעריבער די איינציקע אויף וועלכע איך וועל זיך אפ־שטעלן באריכות. און איך טו עס גערן, ערשטנס, ווייל זי האט זיך עס פארדינט די ווילדע באגייסטערונג פונעם עולם, באשטעטיקט דאס. און צווייטנס, ווייל איך האב נאכגעפאלגט חנה מעצגערס אנטוויקלונג אויפן געביט פון יידישן פאלקסליד, פון די סאמע ערשטע אנפאנגען אירע.

ווען איך האב חנה מעצגער דאס ערשטע מאל געהערט שוין איז געווען מאריא!

פאראן מענטשן, כ׳גלויב מייסטנס צווישן מזרח־איראפעאישע יידן, וועלכע אויף וואסערע לשונות זיי זאלן נישט ריידן, מיינט מען זיי רעדן יידיש. ערשט אז מהערט זיך גוט צו צו די איינצעלנע ווערטער, האפט מען זיך אז דאס ריידן זיי גאר, רוסיש, דייטש אדער ענגליש.

ענליך איז מיר געגאנגען מיט חנה מעצגער. זי האט געזונגען אויף מאריא, און איך האט זיך ארויסגעוויזן, אז א מקובל זינגט שיר השירים. באלד נאך יענער ערשטער באגעגעניש האבן מיר אנגעהויבן צו ארבעטן יידישע פאלקס־לידער. און פון דאמאלס אן, ביי געמישטע פאראנשטאלטונגען, און אלע שפראכן, איז חנה מעצגערס נומער מיט יידישע פאלקסלידער געווען דער קלימאקס פון אוונט. יידיש האט זי נישט געקאנט. און מוזיקאליש איז זי געווען אויסגעבילדעט אין דער קלאסישער שול. און בשעתן ארבעטן מיט איר, האב איך ניט אויפגעהערט צו שטוינען, מיט וואס פאר א לייכטקייט זי איז אריין, און געווארן היימיש אין יידישן קלאנג, יידישער תנועה, און יידישןווארט. ס׳איז געווען, ווי ווען אן אלטער רעזאנאנץ־רייכער אינסטרומענט, וואס איז געשטאנען, פארלאזן פון זיין מייסטער, א לאנגע צייט, איז פלוצים צוריק דערוועקט געווארן צום לעבן, און צוקלינגט זיך אין זיין אלטער פראכט, ווען די פינגער פונעם מייסטער פירן ווידער איבער אים. עפעס א מין ארכאאישער נאטור פראצעס האט זי צוריק־געברענגט צום אור־שפרינג. סאיז שווער צו זאגן וואס סאיז ביי איר שטארקער, צי דער קינסט־לערישער, צי דער יידישער אינסטינקט, און זיך פארצושטעלן, אז סאיז נאר צו פארדאנקען א צופאל וואס זי איז געבליבן ביי דער יידישער קונסט.

איך גלויב אז חנה מעצגער פון איר זייט, ווייס די גרויסע באדייטונג, וואס דאס צוריקקומען צו דער יידישער קונסט, האט געהאט פאר איר גאנצע מענטשליכע און קינסטלערישע אנטוויקלונג. זי האט נאך א לאנגען, מיפולן וועג פאר זיך, איר לעצטער ארויסטריט האט בעגעבן די פארזיכערונג אז זי געפינט זיך אויפן ריכטיקן וועג.

## .1 אונזערע ביידע יידישע טעאַטערס...

אפנים, ס'איז לגמרי נישט אמת דער בלבול, אַז יידן ווילן שוין פאַרגעסן אין די קדושים, אין די פאַרטיליקטע שטעטלעך. אַז אפילו אַ גראַשנדיק ליכטל נאָך די נשמות זייערע אָנצוצינדן לוינט זיך זיי נישט... ניין, דער „שקר־בלבול" איז נישט אמת. לאָנדאָנער יידישקייט ברענט אַ וועלט, יידן לויפן אין די טעאַ־טערס ווי צו יזכור, ביידע טעאַטער זיינען געפּאַקט מיט עלטערע יידן און יידענעס, ווי ביי מזכיר נשמות זיין — אפנים, מ'הייסט די יוגנדליכע, די וואָס האָבן נאָך טאַטע מאַמע אַרויסגיין, ווי דער דין איז — גאַנץ „יידישלעך"!.....

און זיצנדיק אין ביידע אונזערע טעאַטער, קום איך מיר פאַר ווי יענער גרעבצנדיקער ייד (וואָס דאָס אייערנעכטיקע נאָך קומט אים אַרויף...), וועלכער רופט אויס נאָך אַ זאַטן מיטאָג: קעלנער נאָך אַ קוגל, איך האָב היינט יאָרצייט!

אמת, אין ביידע טעאַטערס באַגלייך קום איך מיר פאַר דער זעלבער „אבל", אָבער אַ שטיקל אונטערשייד צווישן „גרענד־פּאַליי" און „אַלעקסאַנ־דער־טעאַטער איז דאָך פאַראַן: אין ערשטן אין ווייטשעפּל, טראָפּצעט עס יידישלעך־פעט, שבת־שירה'דיק זיס — די סלינע גייט ממש איבער פון גע־זענגע און טענצע געפילט מיט סענטימענטאַלעכץ! און אין צווייטן, שוין מיט ווינער־וואַלצער און מיט שטרודל, שיער שיער — מיט „קריסטמאַס־פּודינג"...

## .2 ווען אַ כאַראַקטער קאָמיקער פעלט כאַראַקטער

געהערט פון מיכל ראָזענבערגס „אינטערדאָסן", אינטערוויאו בלע"ז, אין „דזשואיש־כראָניקל" און מורא באַקומען אַז אַט־אַט, ווערט ער אויסגעכאַפּט אויף דער ענגלישער בינע: אַ קליינינקייט אַזאַ קאָפּ־מענטש מיט אַזעלכע וואַזשנע פּלענער און יידישע עצות. בין איך געלאָפן און אַריינכאַפּן, אים נאָך זוכה זיין צו הערן אויף דזשואיש — געהערט און געזען און האַרציק געלאַכט אפילו ביי זיינע אַלטע באַנאַלע וויצן, וואָס האָבן אין דער אַלטער היים שוין געהאַט לאַנגע בערד — ער פּריזירט זי גוט אַרום דאָס מוז מען זאָגן!

אָבער אַ בעל'ן בין איך דאָך, ווי ער וועט אין ענגליש־דזשודאַאיזם קאָנען מאַכן „פון איין קרעכץ פון אַ בעט אַ גאַנצן קדיש"... אַז אַך און ווייי צו וואָסער מדריגה אַ טאַלאַנט קאָן דערגרייכן, ווען גאָט באַגנעדיקט נאָך איינעם מיט אַ גוטן חוש פאַר ביזנעס. אפנים, ווען אַ כאַראַקטער קאָמיקער פעלט כאַראַקטער, ווערט נישט נאָר פון זיין פיינעם קאָמיק זשאַרזשירטער שונד זיך צו באַלעקן, נאָר ער באַקומט אויך אַ לאַנגע צונג וואָס באַלאַקעט, וואָס מען ברויך נישט און וואו מען ברויך נישט. נאָר מסתמא: ביזנעס עס'יזשול. — זאָל די „קראָניקל" זיך אויך באַלעקן מיט יידישן קוגל... ש.

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת נאָכמיטאָגס

שבת, דעם 1־טן יאַנואַר — אַ גרויסע חנוכה פייערונג.
שבת, דעם 8־טן — צענטער יאָרגאַנג פון „לשון און לעבן".
שבת, 15־טן, און שבת, 22־טן—איבער חסידות און מתנגדות.
שבת, דעם 29־טן — די ניי דערשינענע לאָנדאָנער ביכער.



TOWER HAMLETS LIBRARIES

שוין דערשינען
„דאָס בוך פון לעסטערונגען"
פון לעא קעניג
אַ באַשרענקטע צאָל עקזעמפּלאַרן. פרייז 21 שילינג
דאָס בוך קען מען קריגן ביים „נאָראָד פּרעס", און בוך האַנדלונגען.

„מיין טאַטע דער סופר"
און אַנדערע פּאָעמעס
אַ ניי בוך פון יוסף הלל לעווי
פרייז 15 שילינג
צו באַקומען אויף דעם אַדרעס:
M. LEW, 3, Hodford Road, N.W.11.

שוין דערשינען
„דער משפט" פון מאָריס קאַ'ץ
דאָס איז אַ דראַמע אין דריי אַקטן, אין וועלכן דער מחבר פאָדערט ביי די אומות העולם אַ דין־וחשבון, חרטה מיט מעשים.
דער מחבר דריקט דערביי אויס אַ שאַרפן פּראָטעסט געגן דער קאַטוילישער וועלט, פאַרן אָפּקרייסן און אָבשמד'ן קינדערשע נשמות.
„דער משפט" איז דער צווייטער טייל פון אַ טרילאָגיע, וואָס וועט אָפּ־שפּיגלען אונזערע ליידן און פריידן, פון די לעצטע 25 יאָר, ביז צו דער באַ־נייאונג פון מדינת־ישראל.
פרייז 15 שילינג
צו באַקומען אין בוך האַנדלונגען און ביים מחבר:
M. KATZ, 85a, LORDSHIP PARK, LONDON, N.16

פון ערשטן יאַנואַר וועט מיין נייער אַדרעס זיין:
LEVI ORNSTEIN
106 Eton Rise Chalk Farm N.W.3

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור.

נומער 2 (העפט 109) | **צענטער יאָרגאַנג** | פעברואר 1949 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

**אינהאַלט:**


| | | |
|---|---|---|
| אין טאָג ווען ס׳אויסדערוויילטע פאָלק ישראל ווילט | ** | 1 |
| די בלוי ווייסע פאָן | ש. ערנסט | 6 |
| אנטימע כאַראַקטער בילדער פון מדינת ישראל פירער | (פאָטאָ) | 7 |
| דוד בן־גוריון | עבר הדני | 12 |
| די נקמה פון אַן אַקס (המשך) | יוסף הלל לעווי | 16 |
| אונזער „לשון קדושים“ (לידער) | משה עובד | 20 |
| משיח׳ס נסיעות און נסיונות | א. נ. שטענצל | 24 |
| די ווידוי פון ירמיהו הנביא (באַלאַדע) | לעאָ קעניג | 27 |
| אַ שרייבער פון אַ גאַנץ יאָר (משה קליינמאַן) | אליהו פאָלושאַק | 30 |
| בערלין—מאָסקווע—ירושלים | דוב וואַרשאַווסקי | 34 |
| זיי דאַרפן הענגען! | ד״ר יעקב מייטליס | 39 |
| אַמעריקאַנער נאָטיצן | ד״ר מיכאל מילער | 45 |
| מיינע זכרונות וועגן פרץ הירשביין | (פאָטאָ) | 46 |
| פרץ הירשביין און משה עובד | י. י. ראַפּאַפּאָרט | 47 |
| די מיסטעריע פון שפעפרישן וואָרט (המשך) | ש. האַלקין | 49 |
| איבער סאָוויעטישע ליריקער (המשך) | אַלעגאָריער | 54 |
| „פּאָדליאַשע אין אומקום“ פון פייגענבוים | ל. שטיינמעץ־מיילס | 60 |
| געשיכטע פון יידישער קונסט—ראָזענאַו | יחזקאל נח ערליכמאַן | 61 |
| חסידישער טרונק בראַנפן | | 63 |
| יידישער וועלט קאָנגרעס (באַריכט) | | 64 |
| נאָטיץ וועגן רעדאַקציע ענינים | | 64 |
| מיטטיילונגען איבער די ייד. ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס | | |


## פּרייז: 1 שילינג און 6 פּענים

אבאָנענטס־פּרייז: —19/6 פאר א יאָר

אין אויסלאַנד: —5 דאָלאַר א יאָר

1/9 פאר א פּראָבע נומער

**אדרעס פון רעדאַקציע**

„לשון און לעבן“, נאַראָד־פּרעס, 129-131 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן, א.1.

**פּראָפּאַגאַנדע־קאָמיטעט**

פון דעם

**אַרבעטער־רינג**

22, עלי סטריט, אַלדגיים, א.1.

יעדן דאָנערשטיק 7.30 אָוונט

און

יעדן זונטיק 5.30 נאָכמיטיק

קומען פאָר

אינטערעסאַנטע באַלערנדיקע

**רעפעראַטן לעקציעס**

איבער וויכטיקע קולטורעלע פּאָליטישע ליטעראַרישע און אַלגעמיינע ענינים

וועגן אַלע אײנצלהייטן זיך צו ווענדן צום גענעראַל־סעקרעטאַר:

**ווער א מיטגליד פון אַרבעטער רינג**

די סוף־חודש זונטיקס פון

„פריינט פון יידיש לשון“ ביי „בן־אורי“

זונטיק 30־טן יאַנואַר 8 אָוונט

אין לאָקאַל פון

**„בן־אורי“ קונסט גאַלעריע**

14 פּאָרטמען סטריט וו.1.

**נייע ביכער אין לאָנדאָן**

עס וועלן זיך באַטייליקן מיט רעציטאַ־ציעס און רעדעס:

די שוישפּילערין דאָראַ דימאַנט, אייזיק גאָלדבערג, נעט רובין, מישה עובד און י. ביעטש.

אריינפיר וואָרט — א. נ. שטענצל

איינטריט פריי פאר מיטגלידער!

1 שילינג פאר נישט מיטגלידער

זיפּע טיי און צובייסן

**„די צייט“**

געגרינדעט אין 1913 פון

**מאָררים מייער**

די איינציקע יידישע צייטונג אין ענגלאַנד.

(בשעת דער מלחמה — די איינציקע אין אייראָפּע.)

**By Appointment**
**Dealer in Antiques to**
**H.M. QUEEN MARY**

**CAMEO CORNER**

**(Proprietor: Mosheh Oved)**
**are**
**Buyers and Sellers**
**of**
**Interesting Old Jewels**

**26 MUSEUM STREET,**
**LONDON, W.C.1.**
**MUSeum 0401.**

*Printed and Published in England by the Narod Press, 129-131 Cavell St., London, E.1*